STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04931

DOS BUKH FUN FERAT

David Ben-Gurion

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. בן־גוריון

דאס בוך פון פעראט

הוצאת הנהלת הסוכנות היהודית לארץ־ישראל

תרצ"ט ירושלים / לונדון 1939

נדפס בארץ־ישראל

Printed in Palestine

דפוס קואופרטיבי „אחדות״ בע״מ, תל־אביב

נאָך לאַנגע אָבלעגענישען, וואָס ס'איז נישט שווער משער צו זיין זייערע סיבות און טעמים, איז ענדליך פערעפנטליכט געוואָרן דאָס „ווייס־בוך", אין וועלכען די מאַנדאַט־רעגירונג זאָגט אָן איר צוקונפטיגע פּאָליטיק אין ארץ־ישראל. דאָס איז נישט דאס ערשטע מאָל ווי די איצטיגע רעגירונג שטעלט פעסט איהר ארץ־ישראל־פּאָליטיק. דעם זיבענטן יולי 1937 האָט די זעלבע רעגירונג פערעפענטליכט אַ דעקלעראַציע וועגען איהר פּאָליטיק נאָכ'ן בעקומען די אויספיהרונגען פון דער קעניגליכער קאָמיסיע. די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָט דאַמאָלס ערקלערט, אַז אין אַלגע־מיין איז זי מסכים מיט די אַרגומענטען און אויספיהרונגען פון דער קעניגליכער קאָמיסיע, און אין פערלויף פון אַ גאַנץ יאָהר נאָכדעם האָט זי סיי אין ענגלישען פּאַרלאַמענט און סיי אין פעלקער־בונד כסדר איבער־גע'חזר'ט, אז דער פּלאַן פון דער קעניגליכער קאָמיסיע איז די סאמע בעסטע און אויסזיכט־רייכסטע לעזונג פאַר'ן ארץ־ישראל־פּראָבלעם.

אויך אין דער איצטיגער דעקלאַראַציע וועגען איהר נייער פּאָליטיק פעררופט זיך, כלומרשט, די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט עטליכע מאָל אויף די אַרגומענטען פון דער קעניגליכער קאָמיסיע, אָבער דער אינהאַלט פון דער נייער פּאָליטיק איז גרינדליך סותר סיי די אַרגומענטען און סיי די אויספיהרונגען פון דער קעניגליכער קאָמיסיע. דער דאָזיגער אינהאַלט איז פונקט אזוי סותר די מאנדאט־פערפליכטונגען און ער ברעכט אַלע צוזאָגען און דעקלאַראַציעס, וועלכע זיינען געגעבען געוואָרען דורך אַלע ענגלישע רעגירונגען — פון זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע

ביז די לאַנדאָנער געשפּרעכען, און טאַקי בשעת די לאַנדאָנער גע־שפּרעכען אויך.

דערביי מוז געזאָגט ווערען: די מחברים פון „ווייס־בוך" מעגען זיין צופרידען פון זייער שטיקעל ארבייט. אויב עס איז בויטיג געווען מטהר צו זיין אַ שרץ — האָבען זיי עס געטהון מיט דער כיטרעקייט און פיפיגקייט פון זעהר ערפאַהרענע פאַך־לייט. דער גרעסטער פערראַט, וועלכער איז בעגאַנגען געוואָרען אין אונזער דור, דורך דער רעגירונג פון אַ קולטורעל פאָלק, איז פאָרמולירט און אויפגעקלערט געוואָרען מיט גרויס קענטעניש פון ספּעציאַליסטען אויף קונציגע דריידליך און פּרומיטשקער צביעות. עס איז אַ צוזאָג־ברוך איינגעהילט אין אַ טאָגע פון בונד־געטריישאַפט: די פערוואַרפונג פונם מאנדאט דריגגט ארויס, כלומרשט, פון איהם זעלבסט; די צעשטערונג פון אלע אידישע האָפ־נונגען איז אויסען — די טובה פונ׳ם אידישען פאָלק; דאָס אונטערגעבען זיך דעם טעראָר פון דעם מופטי׳ס מערדער־באַנדעס — איז אייגענטליך אַ פעראורטיילונג פון די טעראָריסטישע מעשים; דאָס ברעכען אינטער־נאַציאָנאַלע פערפּליכטונגען איז, אין תוך גענומען, אַ רעזולטאט פון טרייהייט צום גייסט פון פעלקער־בונד; דאָס אריינוואַרפען ארץ־ישראל אין אַ צושטאנד פון בלוטיגער אַנאַרכיע איז — דער ווילען איינצושטעלען רוה און אָרדנונג אין לאַנד. בקיצור: די אינטריגע־העצונג צו אַ אידיש־אַראַבישען קריג און די פערטיפונג פונ׳ם תהום צווישען די צוויי פעלקער, — דאָס ווערט געמאכט כדי צו ברענגען שלום און גליק די איינוואוינער פון ארץ־ישראל.

די רעגירונג איז דערביי געווען זיכער אין איר כוח און קראַפט. די דאָזיגע רעגירונג האָט אַ ריזיגע מעהרהייט אינ׳ם גרעסטען פּאַרלאַ־מענט אין דער וועלט. צו איר פּאָליטישען דינסט שטעהט אַ מעכטיגער

כוח פון פרעסע, בעאמטענטום און וואָפען. דאַגעגען איז דער קרבן פון איהר פּאָליטיק — דאָס אידישע פאָלק — קראפּטלאָז און שוצלאָז. עס פערמאָגט נישט קיין פלאָט, און נישט מיליטער, און נישט קיין רעגי־רונג, און אפילו נישט קיין איין שטיקעל ערד, וואו עס זאָל זיין א זעלבסטשטענדיגער, פאַר־זיך־דיגער בעל הבית. אָט דעם שוצלאָזען פאָלק קאָן מען אָבטהון אַלץ וואָס מען וויל — אַזוי מיינען, ווייזט אויס, מאַכט־האָבער פון דער וועלט. עס איז אָבער פערהאַן עפּעס אזוינס, וואָס אַפילו די מעכטיגסטע פון אַלע רעגירונגען קאָן נישט אָבטהון דעם אידישען פאָלק: זי קאָן אים נישט אָבנאַרען און פערבלענדען מיט זיסע רייד און פאַלשע מליצות.

דער פעראַט, וואָס שטעקט אינם ווייס־בוך, וועט קלאָר געשטעמ־פּעלט ווערען. — און אויב דאָס אידישע פאָלק, מיט'ן ארץ־ישראלדיגען ישוב בראש, וועט וועלען — וועט אויך די פעררעטערישע פּאָליטיק פון דעם פעראַט־בוך קיין קיום נישט האָבען.

א.

דאָס ווייס־בוך הויבט זיך אָן מיט אַ קורצען איבערבליק איבער דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ — איבער די האָפנונגען פון דער רעגירונג צו דערפיהרען צו אַ פערשטענדיגונג צווישען די אידען און אַראַבער. דער איבערבליק דערצעהלט וועגען דעם „פולען, פרייהען און אָפענהערציגען ויכוח" צווישען די בריטישע מיניסטאָרען מיט די דעלעגאַציעס פון די אידען און פון די אַראַבער; וועגען „די פאָרשלאַגען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען די דעלעגאַציעס דורך דער רעגירונג, נעמענדיג אין אַכט דעם דערמאָנטען ויכוח און אויך די בעריכטען פון דער קעניגליכער קאָמיסיע און פון דער חלוקה־קאָמיסיע"; וועגען „דאָס אָבוואַרפען די דאָזיגע פאָרשלאַגען סיי דורך די אַראַבער און סיי דורך די אידען", און וועגן דער „פרייהייט, וואָס די רעגירונג האָט זיך איבערגעלאָזט צו פאָרמולירען איר אייגענע פאָליטיק".

אָט דער נאָר־וואָס ציטירטער סיפור־המעשה איז „נישט גאַנץ פּינקטליך" און ער איז עלול אַריינצופיהרען אין אַ טעות יעדען איינעם, וועלכער האָט זיך אין דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ נישט בעטייליגט. דער ויכוח אין לאָנדאָן איז נישט געוועזען — נישט אָפענהערציג און נישט פריי, און ער איז לגמרי נישט געווען מסוגל צו דערפיהרען צו אַ פערשטענדיגונג. אינדער׳אמת׳ן זיינען, די פערהאַנדלונגען, וועניגסטענס, צווישען די בריטישע מיניסטאָרען און דער אידישער דעלעגאַציע, אויסען געווען איין זאַך: אונטערטעניג צו מאַכען די אידען און איפצווינגען זיי די בעפעהלען פון די אַראַבישע טעראָר־באַנדעס, נאָך דעם ווי די רעגירונג האָט זיי זיך שוין געהאַט אונטערגעגעבען.

מצד דער רעגירונג איז נישט געמאכט געוואָרען קיין איין ערנסטער און פראַקטישער שריט צו דערפיהרען צו אַ פערשטענדיגונג. זי האָט כסדר געשטרעבט אונטערטעניג צו מאכען איין צד — די אידען, אויף כלערליי אופנים האָט זי געפרווט די אידען איינרעדען, איבעררעדען און אָפּט אפילו אָנשרעקען, — אָבי צו דערגרייכען איין און איינציגען ציעל: מסכים זיין אויף די אַראַבישע פאָדערונגען. די רעגירונג האָט געמאַכט ענערגישע, עקשנותדיגע און אומאויפהערליכע אָנשטרענגונגען צו ווירקען אויף די אידען, זיי זאָלען זיך אָבזאָגען פון די פערשפרעכונגען און רעכט, וועלכע זיינען זיי געגעבען געוואָרען אין דער באלפור־דעקלאַראַציע און אינם מאנדאַט. יעדען טאָג, כמעט, האָט די רעגירונג פערלאַנגט פון די אידען, זיי זאָלען מסכים זיין אויף גרעסערע ויתורים; זי איז, ווייזט אויס, געווען זיכער, אַז עס וועט זיין לייכט צו מאכען די אידען אונטערטעניג, און איהרע „פאָרשלאגען" זיינען געוואָרען ערגער פון טאָג צו טאָג. תחילת האָט מען, צום ביישפיל, פאָרגעשלאָגען די אידען פּאַריטעט אלס יסוד פאר דער קאָנסטיטוציע־אָרדנונג אין ארץ־ישראל, — דערנאָך האָט מען בעזייטיגט דעם ענין פּאַריטעט און פאָרגעלעגט די אידען ווערען אַ מינדערהייט. תחילת האָט מען די אידען פאָרגעלעגט אַנ'עליה אין פערלויף פון צעהן יאָהר, וועלכע זאָל זיי, ביים סוף פון דער דאָזיגער תקופה, שאַפען 40 פראָצענט פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונגס־צאָהל, שפּעטער האָט מען עס פערמינערט און פעסטגעשטעלט 35 פראָצענט, און צום סוף איז דערפון געוואָרען — אַ דריטעל. תחילת האָט מען פערהאַנדעלט מיט די אידען אויפן יסוד פון מאַנדאַט — דערנאָך האָט מען פאָרגעלעגט מבטל צו מאַכען דעם מאַנדאט און שאפען א „פאלעסטינישע" מלוכה. קען אָט די סיסטעמאטישע און כסדרדיגע צוריקטרעטונג, וועלכע האָט זיך געצויגען פונם אָנהויב פון דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ ביז איהר סאַמע סוף, בעטראַכט ווערען אַלס פרווו צו דערגרייכען אַ פערשטענדיגונג? — ניין, דאָס איז געוועזען א בהדרגה'דיג אונטערגעבען זיך דער דיקטאטור פון דעם טעראָריסטי'שן שטאָב.

דער אָנהויב פונם ווייס־בוך ברענגט נישט קיין אמתן און אָנשטענ־

דיגען בעריכט פונם גאַנג פון די פערהאַנדלונגען אויף דער לאָנדאָנער
קאָנפערענץ. אלס א מיטגליד פון דער אידישער דעלעגאציע זאָגט עדות
דער שרייבער פון דידאָזיגע שורות, אַז דער ערשטער פונקט פונם ווייס־
בוך איז נישט עפּעס אנדערש נאָר אַ פאַלשע און געפעלשטער איינדרוק
פונם לויף פון דער קאָנפערענץ. די פעלשונג איז געמאכט געוואָרען
צוליב אַ בעשטימטען צוועק — אַריינצופיהרען אין אַ טעות דעם בריטישען
פאַרלאַמענט און די בריטישע און אַלוועלטליכע עפענטליכע מיינונג. אויב
די רעגירונג וויל, אַז אַלע פעראינטערעסירטע זאָלען זעלבסט קאָנען
אורטיילען וועגען גאנג פון דער קאָנפערענץ — דאַרף זי בלויז פער־
עפענטליכען די פולע פראָטאָקאָלען פון איהרע פערהאנדלונגען מיט
דער אַראַבישער דעלעגאַציע און מיט דער אידישער דעלעגאַציע, —
ערשט דאַמאָלס וועט די עפענטליכקייט קאָנען פעסטשטעלען, צי זיינע
טאקי די רעגירונגס־פאָרשלאגען און רייד אויף דער לאָנדאָנער קאָנפע־
רענץ אויסען געווען און מסוגל צו דערפיהרען צו אַ אידיש־
אַראַבישער פערשטענדיגונג אָדער גאָר פערקעהרט.

לויטן סיפור המעשה אין דעם אריינפיר צום ווייס־בוך קומט
אויס, אז ערשט נאָכדעם וויביידע צדדים האָבען אָבגעוואָרפען די
רעגירונגס־פאָרשלאַגען, איז די רעגירונג געווען פריי צו פאָרמולירען
איהר פאָליטיק, און דאַן „האָט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט — נאָך
אַ גרינדליכער בעהאנדלונג — בעשלאָסען צו בלייבען טריי אין אלגעמיין
די פאָרשלאַגען, וועלכע זיינען אין אַ ענדגילטיגער פאָרם צוגעשטעלט
געוואָרען די דעלעגאציעס פון די אַראבער און פון די אידען און צוזאַמען
מיט זיי בעהאַנדעלט געווארען”.

אויך אין אָט דעם אָבזאַץ איז נישט געזאָגט געוואָרען דער אמת,
נאָר דער אמת און דער גאַנצער אמת. די פאָליטיק, ווי זי איז פאָרמולירט
געוואָרען אין ווייס־בוך איז טאַקע נ א ָ ה נ ט צו די ענדגילטיגע פאָרשלאַ־
גען, וועלכע זיינען צוגעשטעלט געוואָרען דער אידישער דעלעגאציע,
אָבער דידאָזיגע פאָליטיק איז נישט פאָרמולירט געוואָרען דורך דער
רעגירונג פון זיין מאיעסטעט אלס „פרייע” און זעלבסטשטענדיגע אין
דער פראַגע, און זי איז אזויארום נ י ש ט ט ר י י צו די פאָרשלאַגען,

וועלכע זיינען צוגעשטעלט געוואָרען די אידען און די אַראַבער ביים סוף פון דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ.

דער אָבשלוס פון דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ איז אייגענטליך נישט געווען קיין פולשטענדיגער. דעם פופצעהנטען מערץ זיינען די ענדגילטיגע פאָרשלאַגען צוגעשטעלט געוואָרעןביידע דעלעגאַציעס, און די לאָנדאָנער קאָנפערענץ איז דערמיט כלומרשט פערענדיגט געוואָרען. אָבער אינדער׳אמת׳ן האָבן זיך פערענדיגט בלויז די פערהאַנדלונגען מיט די אידען. פון דאַמאָלס אָן ביז די סאַמע לעצטע טעג האָבען זיך אומאויפהערליך געפיהרט איינזייטיגע פערהאַנדלונגען מיט די אַראַבער — אָהן דעם וויסען פונם דריטען צד. אין פערלויף פון אָט די פערהאנדלונגען זיינען אריינגעטראָגען געוואָרען אין די רעגירונגס־פאָרשלאגען וויכטיגע און פרינציפיעלע ענדערונגען לרעת די אידען. די אַראבישע טעראָריסטען און זייערע דרויסען־שטעהענדיגע אונטערשטיצער האָבען נישט אויפגעהערט אויסצואיבען א דרוק אויף דער רעגירונג סיי דורכן טעראָר אין ארץ־ישראל און סיי דורך אַ אינטערווענץ פון פרעמדע אראבישע רעגירונגען, און — די רעגירונג האָט טאַקע געענדערט די לאָנדאָנער פאָרשלאַגען און געמאכט די אַראבער ווייטערדיגע ויתורים. דאָס גאנצע ווייס־בוך, פון אָנהויב ביזן סוף, איז, אין תוך גענומען, א ריכטיגער אויסדרוק פון דער כסדר־וואַקסענדער אונטערוואַרפונג מצד דער מאנדאַט־רעגירונג דעם דרוק פונם אַראַבישען, פיזישען און פאָליטישען, טעראָר.

אין דער ווייטערדיגער אַנאַליזירונג פונם ווייס־בוך וועט אָנגעוויזען ווערען אויף די אונטערשידען צווישען דער אין־אים־פאָרמולירטער פאָליטיק און צווישען די פאָרשלאַגען, וועלכער זיינען צוגעשטעלט געוואָרען די דעלעגאציעס אין לאָנדאָן. די מחברים פונם ווייס־בוך האָבען, מיט זייער ספעציעלער פאָרמילירונג־געשיקליכקייט, זיך פערזיכערט געגען אַ מעגליכער אויפווייזונג פון דער פעלשונג דורך דעם, וואָס צוזאָגענדיג דעם לעזער, אז אין זייער פאָליטיק זיינען זיי געבליבען טריי די פאָרשלאַגען, וועלכע זיינען צוגעשטעלט געוואָרען די דעלעגאַציעס, האָבן זיי מוסיף געווען די צוויי איינשרענקונגס־ווערטער: „אין אלגע־

מ י י ן״. אָבער דער פאַקט, וואָס אלע ענדערונגען — און זיי זיינען נישט קנאַפּ און נישט בעדייטונגסלאָז — זיינען אריינגעטראָגען געוואָרען כדי צו בעפרידיגען די פאָדערונגען פון דער אַראַבישער דעלעגאַציע, — דער דאָזיגער פאקט זאָגט געניגענד עדות וועגען דער פאַלשקייט פון די כלומרשט תמימותדיגע און גוט־מיינענדע לייט.

ב

אין אָנהויב פונם צווייטען פונקט פון ווייס־בוך שטעלט פעסט די רעגירונג, אַז דער מאַנדאַט „האָט געבילדעט די כסדר׳דיגע פּאָליטיק פון אַלע בריטישע רעגירונגען במשך צוואַנציג יאָהר״. דידאָזיגע פעסטשטעלונג לאָזט זיך אָבפרעגען און מען קאָן צווייפלען אין איהר ריכטיגקייט. מען מעג אָננעהמען, אַז ווען די רעגירונג וואָלט טאַקי במשך צוואַנציג יאָהר כסדר פערווירקליכט דעם מאַנדאַט, ווען זי וואָלט דאָס געטהון באמת און בשלמות, מיט גוטען ווילען און פערמאַנענט, — וואָלטען מיר נישט געקומען צום איצטיגען מצב. אינם עדות־זאָגען פון די אַגענץ־פאָרשטעהער פאַר דער קעניגליכער קאָמיסיע און אין אַלע מעמאָראַנדומס, וועלכע זיינען דערלאַנגט געוואָרען סיי איהר און סיי די מאַנדאַט־קאָמיסיעס, זיינען אָנגעוויזען געוואָרען אַ סך פאַקטען, לויט וועלכע עס לאָזט זיך סותר זיין די פעסטשטעלונג, אַז דער מאַנדאַט האָט במשך צוואַנציג יאָהר געבילדעט די פּאָליטיק פון דער רעגירונג. דאָס ווייס־בוך איז דאָך אָבער הויפּטזעכליך אויסען צו בעשטימען די צוקונפטיגע פּאָליטיק, — דאַרפען מיר איהר ווידמען אונזער בעהאַנדלונג.

פאַר דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ האָבען די רעגירונגס־פאָרשטעהער פּראָקלאַמירט אין פּאַרלאַמענט (בעת דער ארץ־ישראל־דעבאַטע אינם „אונטערשטען הויז״ דעם 24־טען נאָוועמבער 1938), אַז „די רעגירונג טרעט צו צו די פערהאַנדלונגען—האַלטענדיג זיך, זעלבסטפערשטענדליך, פערבונדען צו די מאַנדאַט־פערפליכטונגען לגבי די אידען און די אַראַבער, און אויך צו איהרע פליכטען לגבי דעם פּאַרלאַמענט, לגבי די מיטגלידער פון פעלקער־בונד און לגבי די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקע״ (די

ווערטער פון קאָלאָניען־מיניסטער מ. מאַקדאָנאַלד). און אין דער תשובה אויף אַ פראַגע פון הערבערט מאָריסאָן האָט לאָרד ווינטערטאָן דערקלערט אין נאָמען פון דער רעגירונג: „צי עקזיסטירען נאָך די נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל, די דערקלערונגען פון די פריהערדיגע רעגירונגען וועגען דער נאַציאָנאַלער היים פאַר אידען אין ארץ־ישראל און די באַלפור־ דעקלאַראַציע? די תשובה איז פשוט און פאָזיטיוו: יאָ“.

דאָס ווייס־בוך, דאַגעגען, פערוואַנדעלט דעם פשוטען יאָ אין אַ קאָמפּליצירטען ניין. די פערוואַנדלונגס־מלאכה הויבט זיך אָן אין צווייטען פונקט פונם ווייס־בוך. דערדאָזיגער פונקט רעזיומירט דעם אינהאַלט פון מאַנדאַט און ער פאָרמולירט אים אין פיער פערפליכטונגען: א) אָבהיטען די הייליגע ערטער, ב) מיטהעלפען דער נאַציאָנאַלער היים, ג) שיצען די רעכט פון די אָרטיגע איינוואוינער, ד) שאַפען אָרגאַנען פון זעלבסט־פערוואַלטונג. מיר וועלן זיך דאָסמאָל נישט אַריינלאָזען אין אַ טעאָרעטישען ויכוח צי איז דאָס טאַקי דער לאָגישער רעזיומע און די פולע אויסשעפּונג פונם אינהאַלט פון די מאַנדאַט־פערפליכטונגען; מיר וועלן איצט אויך נישט שטעלען די פראַגע וועגן דער פּראָפּאָרציאָנעלער בעדייטונג פון די בעזונדערע פערפליכטונגען, — כאָטש דידאָזיגע פראַגע קאָן אפשר זיין ענטשיידענד אין דער איצטיגער בעטראַכטונג, — אָבער איינס מוזען מיר יאָ טהון: מיר מוזען נאָכזעהן, בעיקר, וויאַזוי שטעלט זיך פאַר דאָס ווייס־בוך די פערפליכטונגען לגבי דער נאַציאָנאַלער היים און וויאַזוי עס האָט בדעה זיי צו רעאַליזירען אָדער גאָר ליקווידירען.

דאָס ווייס־בוך רעכענט אויס די פערפליכטונגען, וואָס זיינען געגעבען געוואָרען דעם אידישען פאָלק — און בשעת דער אויסרעכנונג זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרען פיער זאַכען: 1) די אָנערקענונג פון העברעיש אַלס איינע פון די דריי אָפיציעלע שפּראַכען אין לאַנד, 2) די אידישע אַגענץ אַלס קאָמפּעטענטער אָרגאַן צו בעראַטען די ארץ־ישראל־רעגירונג, צו ווירקען צוזאַמען מיט איהר אין אַלע ענינים, וועלכע זיינען נוגע די שאַפונג פון דער נאַציאָנאַלער היים, און צו בעטייליגען זיך אין דער אַרבעט צו ענטוויקלען דאָס לאַנד, 3) די היסטאָרישע פערבינדונג פונם אידישען פאָלק מיט ארץ־ישראל, 4) די אינטערנאַציאָנאַלע אָנערקענונג

פון די מאָטיווען פאַר דער ווידער־שאַפונג פון דער נאַציאָנאַלער היים פאַרן אידישען פאָלק אין ארץ־ישראל.

אָט די עטליכע „אַרויסלאָזונגען״ זיינען נישט געמאַכט געוואָרען צופעליג און נישט צוליבן ווילען מקצר צו זיין, נאָר מיט אַ בעשטימטער, בייזוויליגער כוונה: מבטל צו מאכען די פערפליכטונגען און די פּאָליטיק, וועלכע איז געבונדען מיט דידאָזיגע פּרינציפּען.

דאָס ווייס־בוך רעזיומירט תחילת די פערפליכטונגען לגבי די אידען און עס ציטירט דעם צווייטען פונקט פונם מאַנדאַט. אָבער די אין ווייס־בוך־געבראַכטע ציטאַטע שטימט נישט מיטן אָריגינעלען טעקסט. אינם פונקט 2 פון מאַנדאַט ווערט געזאָגט, אַז „די מאַנדאַט־רעגירונג איז מחויב אַוועקצושטעלען דאָס לאַנד אין אַזעכע פּאָליטישע, אַדמיניסטראַטיווע און עקאָנאָמישע בעדינגונגען, וועלכע זאָלען זיכערען די שאַפונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים, אַזוי ווי ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אין דער הקדמה״. דער זין פון די לעצטע ווערטער האָט אַ שייכות צו יענעם אָבזאַץ אין דער הקדמה, וועלכער זאָגט: „היות ווי דערמיט (ד. ה. מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע) זיינען אָנערקענט געוואָרען די היסטאָרישע פערבינדונג פון אידישען פאָלק מיט ארץ־ישראל און די מאָטיווען grounds ווידער צו שאַפען זיין נאַציאָנאַלע היים אין דעם דאָזיגען לאַנד״. אָבער אָט דער פונקט 2 ערשיינט אינם ווייס־בוך מיט צוויי פיעל־בעדייטענדע אַרויסלאָזונגען. אַנשטאַט די נאַציאָנאַלע היים The national home שטייט — אַ נאַציאָנאַלע היים A national home און עס זיינען אינגאַנצען אַרויסגעלאָזט געוואָרען די ווערטער „ווי ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אין דער הקדמה״. מיט דער דאָזיגער ווילקיר־ליכער אַרויסלאָזונג האָבען די מחברים פונם ווייס־בוך געהאַט די כוונה צו צעשטערען די יסודות, — דעם היסטאָרישען און דעם רעאַלען, — אויף וועלכע עס באַזירט זיך דאָס רעכט פון אידישען פאָלק אומצוקערען זיך אינם לאַנד, וואָס איז מיט אים היסטאָריש פערבונדען, און ווידער צו שאַפען דאָרט די נאַציאָנאַלע היים זיינע.

די מחברים פונם ווייס־בוך איז די אַרויסלאָזונג נויטיג געווען. ווען זיי וואָלטען ציטירט דעם מאַנדאַט ווי געהעריג, וואָלט צעפאַלען דער

גאַנצער שווינדלערישער פּלפּול, אויף וועלכען עס באַזירט זיך די פּאָליטיק פונם ווייס־בוך, וואָרום די מאָטיוועז פאַר דער נייער פּאָליטיק, וועלכע ווערען אין איהם אָנגעגעבען, קאָנען בשום אופן נישט זיין אין איינ־קלאַנג מיט די צוויי פּרינציפּען, וועלכע זיינען בעשטעטיגט געוואָרען אין דער הקדמה צום מאַנדאַט. מען קאָן דאָך בשום אופן נישט אויס־טייטשען, אז די „רעקאָנסטיטוציע" פון דער נאַציאָנאַלער היים מיינט, אידען זאָלען אויף אייביג פערבלייבען אַ מינדערהייט אין ארץ־ישראל, און אַז די היסטאָרישע פערבינדונג פון אידישען פאָלק מיט ארץ־ישראל דערלויבט אָבצושטעלען די אידישע עליה.

אינם ווייס־בוך זיינען אויך אַרויסגעלאָזט געוואָרען,— פון די אויס־גערעכענטע פערפּליכטונגען לגבי דעם אידישען פאָלק, — די אָנערקענונג פון העברעאיש און פון דער אידישער אַגענץ. אויך דידאָזיגע אַרויסלאָזונגען זיינען געמאַכט געוואָרען נישט כדי צו קירצען דעם טעקסט נאָר כדי צו בעשרענקען די רעכט. אינם קאַפּיטעל וועגען דער קאָנסטיטוציע איז צוגע־נומען געוואָרען דאָס רעכט פון דער אידישער אַגענץ. דאָ איז נישט בלויז אַ אינסטיטוציע אַרויסגעלאָזט געוואָרען — עס איז ליקווידירט געוואָרען דאָס רעכט פונם אידישען פאָלק אין די גלות־לענדער. דאָס „ווייס־בוך" אָנערקענט נאָר די אידען פון ארץ־ישראל און די רעכט פון די איינוואוינער פונם לאַנד. די הבטחה, וועלכע איז געגעבען געוואָרען דעם אידישען פאָלק — און נישט בלויז די אידען פון ארץ־ישראל — איז געבראָכען געוואָרען. און אין אַלע פּונקטען, וואו עס רעדט זיך וועגען פערזיכערען פערשידענע אינטערעסען אין דער זעלבסטשטענדיגער פּאַלעסטינישער מלוכה — צווישען זיי אויך אַזעלכע אינטערעסען, וועלכע זיינען אין מאַנ־דאַט לגמרי נישט דערמאָנט געוואָרען — איז קיין וואָרט נישטאָ וועגען העברעאיש.

ג.

דאָס ווייס־בוך, וואָס נעגירט דעם גאַנצען פּאָליטישען אַנאַליז און די גרונד־אויספיהרונגען פון דער קעניגליכער קאָמיסיע, ווען זיי זיינען גינסטיג פאַר אידען, בענוצט זיך מיט יעדער אונוויכטיגער און צופעליגער

בעמערקונג פון דער קעניגליכער קאָמיסיע, אויב מען קאָן ארויסדרינגען פון איהר די סאַמע ווייטגעהענדסטע אויספיהרונגען לרעת די אידען, — וואָס דער קאָמיסיע האָט גאָר איינפאַלען נישט געקאָנט. דער פונקט 3 פונם ווייס־בוך טשעפּעט זיך אָן אין דער בעמערקונג פון דער קעניגליכער קאָמיסיע וועגן דער אונקלאָרקייט פון דער פאָרמולירונג „נאַציאָנאַלע היים פאַרן אידישען פאָלק״. אָט די אונקלאָרקייט איז, לויטן ווייס־בוך, „אַ גרונד־פאַקטאָר פאַר דער אונרוהיגקייט און פיינדשאַפט צווישען די אַראַבער און די אידען. די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט איז איבערצייגט, אַז עס איז נויטיג פאַרן שלום און פאַר דער טובה פון אַלע איינוואוינער פונם לאַנד קלאָר צו דעפינירען די פּאָליטיק און די ציעלען. דער חלוקה־פּראָיעקט פון דער קעניגליכער קאָמיסיע וואָלט געקאָנט אַריינברענגען די קלאָרקייט, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די שאַפונג פון צווי זעלבסטשטענדיגע און זעלבסט־אויסקומענדע מלוכות — אַן אַראַבישע און אַ אידישע — אין פּאַלעסטינע, איז נישט רעאַליזירבאַר. דעריבער האָט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט איינגעזעהן די נויטיגקייט אויסצוגעפינען אַן אַלטערנאַטיווע פּאָליטיק, וועלכע זאָל ענטשפּרעכען די בעדערפנישען פון דער לאַגע אין ארץ־ישראל, זייענדיג צוגעפּאַסט, צו די פערפּליכטונגען לגבי די אַראַבער און די אידען. די מיינונגען און פ אַ ר ש ל אַ ג ע ן (פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט) זיינען פאָרמולירט אין די פאָלגענדע דריי קאַפּיטלען: 1) קאָנסטיטוציע, 2) עליה, 3) באָדען״.

דאָס ווייס־בוך האָט, הייסט עס, פעסטגעשטעלט צוויי יסודות פאַר דער נייער פּאָליטיק: א) צוגעפּאַסטקייט צו די פערפּליכטונגען, ב) ענטשפּרע־כונג דער לאַגע. ווייטער וועלן מיר זעהן אויף וויפיל די פ אַ ר ג ע ש ל אַ ־ ג ע נ ע פּאָליטיק שטימט מיט דידאָזיגע צוויי יסודות.

דערווייל איז נויטיג צו דערמאָנען, אַז די נייע פּאָליטיק איז אייגענט־ליך בלויז אַ פאָרשלאַג, וועלכער נויטיגט זיך, ווייזט אויס, אין אַ בעשטע־טיגונג פונם פּאַרלאַמענט און פון פעלקער־בונד, אָבער דאַן ערוועקט זיך אַ פראַגע, — אויב די פּאָליטיק פונם ווייס־בוך איז בלויז אַ פאָרשלאַג — ווי אַזוי־זשע פיהרט די רעגירונג תיכף אויס דעם הויפּט־פּונקט פון איהרע פאָרשלאַגען, דעם עליה־פּונקט, און ווי אַזוי מעלדעט דאָס ווייס־בוך, אין

פונקט 16 (דער פונקט וועגען באַדען), אַז תיכף נאָך זיין פערעפענטליכונג וועט אַריין אין קראַפט די קאָמפעטענץ פון נציב צו פערבאָטען און צו רעגולירען באַדען־פערקויפונגען? אויב דאָס ווייס־בוך איז בלויז אַ פּאָלי־טיק־פּ ר אָ י ע ק ט, און דערביי אַ נאָך נישט בעשטעטיגטער און איינגע־שטימטער פראָיעקט, — ווי אַזוי־זשע מעג די מאַנדאַט־רעגירונג האַנדלען אין דער עליה — און באַדען־פראַגע לויטן „ווייס־בוך"?

ד.

פונם פרווו „אויפצוקלערען" דעם בעגריף „נאַציאָנאַלע היים" דער־געהט דאָס ווייס־בוך צו איהר ליקווידירונג. תחילת שטעלט מען פעסט, אַז נאַציאָנאַלע היים איז נישט אַ אידישע מדינה, דערנאָך מאַכט מען אַ צוויי־טען שריט און מען שטעלט פעסט, אַז ארץ־ישראל דאַרף זיין אַן אַראַבישע מדינה, און דאַן קומט דאָך שוין ממילא אויס, אַז נאַציאָנאַלע היים איז דער טייטש — אַ אידישער געטאָ אין דער אַראַבישער מדינה. דאָס ווייס־בוך רופט, פערשטעהט זיך, נישט אָן דאָס קינדביים נאָמען. עס שטעלט נישט פעסט, אַז ארץ־ישראל דאַרף ווערן אַן אַראַבישע מדינה — נאָר בלויז אַ פּאַלעסטינישע מדינה, אָבער אין דער דאָזיגער מדינה זיינען אידען פאַר־אורטיילט צו זיין אַ דריטעל פון די איינוואוינער און נישט מעהר, און אָט דאָס דריטעל איינוואוינער וועט נישט געניסען אפילו געוועהנליכע בירגערליכער גלייכהייט, — עס וועט זיין באַשרענקט אין די קאָלאָני־זאציע־רעכט אין אַ געוויסען תחום המושב, לויט דער בעשטימונג און לויטן איינזעהן פונם נציב העליון. אַ „זעלבסטשטענדיגע" מדינה, — אויב די זעלבסטשטענדיגקייט וועט ווען־עס־איז באמת פערווירקליכט ווערען טעאָ־רעטיש און פראַקטיש, — וואו די אַראַבער וועלען האָבען צוויי דריטעל, קאָן נישט זיין עפּעס אַנדערש ווי נאָר אַן אַראַבישע מדינה, בעזונדערס ווען די אידישע עליה וועט אָבגעשטעלט ווערן נאָך פאַר דער פּראָקלאָ־מירונג פון דער זעלבסטשטענדיגקייט, בשעת דער נציב העליון וועט נאָך זיין הערשער אין פּאַלעסטינע. עס קאָן דאָך גאָר אַנדערש נישט זיין בעת יעדע „פערפליכטונג צו פערלייכטערן די שאַפונג פון דער נאַציאָנאַלער

היים" וועט נישט האָבען קיין בערעכטיגונג און וועט מער נישט עקזיס־טירען נאָך דעם, ווי עס וועלען אַריין אין לאַנד נאָך פינף־און־זיבעציג טויזענד אידען במשך די קומענדע פינף יאָהר.

לויט דער פּאַקטישער אויסטייטשונג פונם ווייס־בוך בעדייט „נאַציאָ־נאַלע היים" — אַ האַלב מיליאָן אידן אָהן בירגער־רעכט, אונטער אַנ׳אַראַ־בישער הערשאַפט.

אַט די אויסטייטשונג פונם בעגריף נאַציאָנאַלע היים איז אין תוך גענומען דער גאַנצער אינהאַלט פונם ווייס־בוך. איצט בלייבט אונז נאָר איבער צו זעהן ווי אַזוי די מחברים פונם ווייס־בוך פערענטפערען דידאָזיגע „ריכטיגע" אויסטייטשונג.

ה

„געוויסע מענשען האָבען געטענה׳ט, — אַזוי הויבט זיך אָן פונקט 4, — אַז דער אויסדרוק „נאַציאָנאַלע היים פאַרן אידישען פאָלק" ענטהאַלט אין זיך די פערספעקטיוו, אַז דאָס לאַנד וועט אין ריכטיגען מאָמענט ווערן אַ אידישע מדינה אָדער אַ אידישע קאָמאָנוועלט (אויטאָנאָמיע געמיינשאַפט)". די מחברים פונם ווייס־בוך האָבען נישט פורש געווען, — ווער האָט עס געטענה׳ט די דאָזיגע טענה. אָבער דאָס ווייס־בוך וויל, אויסגערעכנט און כיטרע, שאַפען דעם איינדרוק, אַז מיט אַזעלכע טענות זיינען אַרויסגעטרעטען נאָר ציוניסטישע מנהיגים — און דעריבער זיינען דער ענגלישער פּאַר־לאַמענט און פעלקער־בונד נישט מחויב זיך צו רעכענען דערמיט, באשר דאָס זיינען טענות פונם פעראינטערעסירטען צד. דערביי ווערט דאָס אינם ווייס־בוך נישט געזאָגט קלאָר און בפירוש — ווייל עס וואָלט זעהר גרינג געווען צו כאַפּען ביי אַ ליגען — עס בענוצט זיך דעריבער מיט אַ כיטרע מיטעל, צוגעבענדיג אַ צעטרייבערטע ציטאַטע פונם באַריכט פון דער קעניגליכער קאָמיסיע, וועלכע וועט שוין ממילא אַרויספיהרען דעם לעזער אויף דעם פערבאָרגענעם מיין. באַלד נאָך דעם פריהער־דערמאָנטען אָבזאַץ קומט אַזאַ מין הוספה: „די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט וויל נישט בעשטרייטען די מיינונג, וועלכע איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען דורך דער

קעניגליכער־קאָמיסיע, אַז בשעת דער פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור־דעק־לאַראַציע איזביים סוף פון דער ענטוויקלונג נישט אויסגעשלאָסען די שאַפונג פון אַ אידישע מדינה. אָבער די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט גלויבט, צוזאַמען מיט דער קעניגליכער קאָמיסיע, אַז די פאָרמולירער פונם מאַנדאַט וואָס די באַלפור דעקלאַראַציע איז אריין אין איהם אַלס טייל, האָבען נישט געקאָנט מיינען, אַז פאַלעסטינע דאַרף ווערען אַ אידישע מדינה געגען דעם ווילען פון די אָרטיגע איינוואוינער פונם לאַנד". אַט אין דעם קורצען אָבזאַץ שטעקט אַ געקליגעלטע פערדרעהונג פון די פאַקטען:

עס איז נישט ריכטיג, אַז די מעגליכקייט צו שאַפען אַ אידישע מדינה אויפן יסוד פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָבען איינגעזעהן בלויז די ציוניסטישע פיהרער. די קעניגליכע קאָמיסיע, וועלכע דערמאַנט טאַקי, אַז עס איז געווען אַזאַ מיינונג ביי די ציוניסטישע פיהרער, זאָגט דאָרט, אויפן זעלבען אָרט, נאָך עפּעס, וואָס די מחברים פונם ווייס־בוך האָבען געפונען פאַר נויטיג צו בעהאַלטען און פערבאָרגען. די מיינונג, אַז „די שאַפונג פון אַ אידישער מדינה איז, לויטן נוסח פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אַ נישט אויסגעשלאָסענע מעגליכקייט" איז — לויט דער בעשטעטיגונג פון דער קעניגליכער קאָמיסיע — געווען **די מיינונג פון די מחברים פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע זעלבסט.**

אינם צווייטען קאַפּיטעל פונם בעריכט, פּונקטען 20־21, קלערט אויף די קעניגליכע קאָמיסיע דעם זין פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. און די קאָמיסיע זאָגט פאָלגענדעס: „מיר זיינען בערעכטיגט געוואָרען אונטער־צוזוכען די דאָקומענטען, וועלכע האָבען אַ שייכות צו דער פראַגע, און עס איז אונז קלאָר, אַז די ווערטער „די שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל" זיינען געווען דער רעזולטאַט פון אַ פשרה צווישען די מיניסטאָרען, וועלכע האָבען געהאַט בדעה צו שאַפען אין פאַסיגען מאָמענט אַ אידישע מדינה, און צווישען יענע, וועלכע האָבען דאָס נישט געהאַט בדעה. יעדענפאַלס איז קלאָר, אַז די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָט זיך נישט געקאָנט פערפליכטען צו שאַפען אַ אידישע מדינה. זי האָט בלויז געקאָנט נעהמען אויף זיך צו **ערלייכטערן דעם וואוקס**

פון דער היים. און עס וועט זיין אָבהענגיג הויפּט־ זעכליך פון דער אידישער התלהבות און איניציאטיווו, צי די היים וועט אַזוי אויסוואַקסען, אַז זי זאָל ווערן אַ מדינה. — אַזויאַרום איז קלאָר, אַז די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָט אָנערקענט, אַז אַ אידישע מדינה קאָן געגרינדעט ווערען אין פערלויף פון דער צייט, זי האָט אָבער נישט געהאַט די מעגליכקייט צו זאָגען, אַז דאָס וועט געשעהן, און נאָך וויניגער איז זי געווען ביכולת צו דערפיהרען צו דער דאָזיגער שאַפונג מיט איהר אייגענעם ווילען". און ערשט נאָך דער דאָזיגער פעסטשטעלונג גיט צו די קעניגליכע קאָמיסיע: „די ציוניסטישע פיהרער, פון זייער זייט, האָבן פערשטאַנען, אַז די צוקונפטיגע שאַפונג פון אַ אידישער מדינה איז נישט אויסגעשלאָסען פונם דעקלאַראַציע־נוסח — און אזוי איז עס פערשטאַנען געוואָרען אויך אין אַנדערע ערטער". איך בין איבערצייגט — האָט געזאָגט פרעזידענט ווילסאָן, דעם דריטען מערץ 1919 — אַז די אַליאַנץ־מלוכות האָבען, ביי דער פולער הסכמה פון אונזער רעגירונג און אונזער פאָלק, בעשלאָסן, אַז אין ארץ־ישראל זאָלען געלייגט ווערען די יסודות פאַר אַ אידישער קאָמאָנוועלט. גענעראַל סמאטס, וועלכער איז בעת דער פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע געווען מיטגליד פונם אימפעריאַלן קריגס־קאַבינעט, — (זעצט פאַר די קעניגליכע קאָמיסיע), — האָט אין זיין רעדע, אין יאָהאַניסבורג דעם דריטען נאָוועמבער 1919, פאָרגעזעהן אַ וואַקסענדען שטראָם פון אידישע עולים קיין ארץ־ישראל „און אַ גרויסע אידישע מדינה ווערט אין דעם דאָזיגען לאַנד ווידער געשאַפען אין די קומענדע דורות". לאָרד ראָבערט סעסיל, אין 1917, סער הערבערט סעמועל, אין 1919, און הערר ווינסטאָן טשערטשיל, אין 1920, — האָבען גערעדט און געשריבען אין אַ נוסח, וואָס זיין בעדייטונג איז נאָר די מעגליכע שאַפונג פון אַ אידישער מדינה". פון די דאָזיגע רייד פון דער קעניגליכער קאָמיסיע איז קלאָר, אַז נישט בלויז ציוניסטישע פיהרער האָבען געהאַלטען, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע ערמעגליכט די שאַפונג פון אַ אידישער מדינה. — בשעת דאָס ווייס־בוך

רעדט נאָר וועגען די ציוניסטישע פיהרער איז ממילא שווער צו זאָגען, אז דאָס ווערט געטהון מיט אַ סך אָנשטענדיגקייט און מיט פולער אמתדיגקייט.

ז

ווי מיר האָבען געזעהן, שטעלט די קעניגליכע קאָמיסיע אַבסאָלוט פעסט, אַז מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט זיך די רעגירונג פער־פליכטעט צו פערלייכטערן דעם וואוקס פון דער נאַציאָנאַלער היים, און אַז עס וועט אָבהענגיג זיין פון די אידען — צי דער דאָזיגער וואוקס וועט זיין אַ גענוגענדער כדי צו שאַפען אַ מדינה. דאָס ווייס־בוך קאָן דעריבער נישט פערופען זיך אויף דער קעניגליכער קאָמיסיע, בעת עס וויל פעסטשטעלען, אַז דער צוזאָג, וועלכער איז געגעבען געוואָרען די אידען, שליסט אויס די מעגליכקייט צו שאַפען אַ אידישע מדינה. דעריבער רוקט דאָס ווייס־בוך אַריין די באַלפור־דעקלאַראַציע אינם מאַנדאַט, און דאַן דערקלערט עס ברייט, אַז „די פאַרמולירער פונם מאַנדאַט האָבען נישט געקאָנט מיינען די שאַפונג פון אַ אידישער מדינה".

טאָמער־זשע וועט דער לעזער פרעגען: ס'טייטש? וויבאַלד די באַל־פור־דעקלאַראַציע ערמעגליכט די שאַפונג פון אַ אידישער מדינה (דאָס וועט זיין אָבהענגיג נאָר פון דער אידישער „התלהבות און איניציאַטיוו"), און די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אַנ'אָרגאַנישער טייל פונם מאַנדאַט, — טאָ ווי קאָן עס זיין, אַז דער מאַנדאַט זאָל אויסשליסען אַ זאַך, וואָס די באַלפור־דעקלאַראַציע ענטהאַלט? האָבען די מחברים פונם ווייס־בוך זיך ווידער געקליגעלט און צוגעגעבען צום סוף פון פונקט 4 נייע ווערטער: „געגען דעם ווילען פון די אַראַבישע איינוואוינער". דערפון איז געדרונגען, אַז די רעאַליזירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע איז אָבהענגיג פונם ווילען פון די אָרטיגע איינוואוינער. וואו שטעהט דאָס אָבער אין דער דעקלאַ־ראַציע אָדער אין מאַנדאַט?

די מחברים פונם ווייס־בוך האָבען, ווייזט אויס, זיך געכאַפּט, אַז

זייער הנחה פעמאָגט נישט קיין יסוד צו שטיצען זיך אויף איהם, — העלפען זיי זיך אַרויס מיטן ווייס־בוך פון 1922, דאָס ווייס־בוך פון טשערטשיל.

„מען קען זאָגען — גיט צו דאָס ווייס־בוך אין פונקט 4 — אַז די מיינונג, אַז פּאַלעסטינע וואָלט נישט געדאַרפט פערוואַנדעלט ווערען אין אַ אידישע מדינה, דרינגט אַרויס פון דעם, וואָס איז געשריבען אינם אָבשניט פון ווייס־בוך פון 1922" (דאָ קומט אַ ציטאַטע, וועלכע הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „עס זיינען אָבגעגעבען געוואָרען נישט־קאָמפּעטענטע ערקלערונגען" און זי פערענדיגט זיך מיט די ווערטער „אַזאַ היים וועט געשאַפען ווערען אין פּאַלעסטינע".

דאָס ווייס־בוך פון 1922 איז געווען בעקאַנט אויך דער קעניג־ליכער קאָמיסיע, אויף וועלכער עס פעררופען זיך אַזוי גערן די מחברים פונם ווייס־בוך בעת עס איז זיי נויטיג, און די קעניגליכע קאָמיסיע האָט שוין אויפגעקלערט די פראַגע, צי דאָס ווייס־בוך פון 1922 איז אויסען געווען צו פערמיידען די שאַפונג פון אַ אידישער מדינה אָדער נישט.

און אָט וואָס די קאָמיסיע זאָגט (קאַפּיטל 2, פונקט 39): „אָט די דעפינירונג פון דער נאַציאָנאַלער היים איז אָפּט אויסגעטייטשט געוואָרען ווי זי וואָלט אויסגעשלאָסען די שאַפונג פון אַ אידישער מדינה. אָבער, כאָטש די פראַזעאָלאָגיע האָט בפירוש געהאַט די כוונה צו פערגיטיגען, ווי ווייט מעגליך, די אַראַבישע געגנערשאַפט צו דער נאַציאָנאַלער היים, ענטהאַלט זי דערביי נישט קיין איין וואָרט, וואָס זאָל קאָנען דינען אַלס יסוד צו פערבאָטען די שאַפונג פון אַ אידישער מדינה אין דער צוקונפט, און הערר טשערטשיל זעלבסט האָט אונז בעשטעטיגט, אַז עס איז נישט געווען קיין שום מיין וועגען אַזאַ פערבאָט".

ווי אַזוי־זשע האָבען די מחברים פונם ווייס־בוך זיך געמאַכט נישט־וויסענדיג וועגען דער דאָזיגער גרונד־פעסטשטעלונג פון דעם פאָטער פונם ווייס־בוך — 1922, און וועגען דער בפירושער ערקלערונג פון דער קעניגליכער קאָמיסיע, וועלכע צעשטערט דעם גאַנצען שווינדעל־בנין פונם פעראַט־בוך?

ז.

נישט בלויז די ענגלישע רעגירונג האָט בשעתה גוט געוואוסט וועגען דער כוונה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע — אויך די אַראַבער האָבען עס געוואוסט.

דער לאָנדאָנער „טיימס״ פון 12־טען דעצעמבער 1918 — ביי אַ יאָהר נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע — האָט פערעפענטליכט אַ ערקלערונג, וואָס עמיר פייצל, דער זון פון קעניג חוסיין, האָט איבערגעגעבען דעם פערטרעטער פון „רויטער״, — דאָרט ווערט געזאָגט:

„די צוויי הויפט־צווייגען פון דער סעמיטישער משפחה, די אַראַבער און די אידען, פערשטעהען איינער דעם אַנדערען. און איך האָף, אַז נאָך אַ מיינונגס־אויסטויש אויף דער שלום־קאָנפערענץ, וועלכע וועט זיין בעזעעלט מיט די אידעאַלען פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבעשטימונג, וועט יעדעס פון די צוויי פעלקער אָנהויבען דערנעהנטערען זיך מיט ערפאָלג צו דער פערווירקליכונג פון זיינע שטרעבונגען. די אַראַבער האָבען נישט קיין שלעכטע געפיהלען צו די אידען־ציוניסטען, זיי האָבען בדעה צו בעציהען זיך צו זיי אָנשטענדיג, און די אידען־ציוניסטען האָבען פערזיכערט די נאַציאָנאַלע אַראַבער, אַז זייער כוונה איז צו זאָרגען דערפאַר, אַז אויך זייער בעציהונג זאָל זיין אַן־אָנשטענדיגע אויף די געביטען, וועלכע געהערען צו יעדען צד״.

עטליכע וואָכען נאָך דעם האָט פייצל אונטערגעשריבען דעם אָבמאַך מיט דר. וויייצמאַן (3.1.19), אין וועלכען עס ווערט געזאָגט, צווישען אַנדערען:

„באַלד נאָך דעם אָבשלוס פון די פערהאַנדלונגען אויף דער שלום־קאָנפערענץ וועלען פעסטגעשטעלט ווערען די בעשטימטע גרעניצען צווישען דער אַראַבישער מדינה און צווישען ארץ־ישראל — אין דער פעסט־שטעלונג פון דער ארץ־ישראלדיגער קאָנסטיטוציע און אַדמיניסטראַציע וועט מען אָננעהמען אַלע נויטיגע מיטלען צום פערווירקליכען די דעקלאַראַ־ציע פון דער בריטישער רעגירונג פון 2־טען נאָוועמבער 1917 — מען וועט אָננעהמען אַלע נויטיגע מיטלען צו שטאַרקען און ערמוטיגען אַ אידישע עליה קיין ארץ־ישראל אין אַ ברייטען מאַס־

שטאַב, און מיט דער מעגליכער שנעלקייט וועט מען די אידען באַזעצען אויפן באָדען״.

דעם 6־טן פעברואַר 1919 איז פייצל אויפגעטרעטען פאַר דער שלום־קאָנפערענץ אַלס פיהרער פון דער אָפיציעלער אַראַבישער דעלע־גאַציע. אין דער דעלעגאַציע האָבען זיך אויך בעטייליגט, צווישען אַנדערע, נורי סאַאיד, דער איצטיגער פרעמיער פון איראַק, און עוני ביי עבד אל־האַדי, דער מיטגליד פון דער איצטיגער אַראַבישער דעלעגאַציע אין לאָנדאָן און פון „העכסטען אַראַבישען קאָמיטעט״, — דער פיהרער פון דער „איסתיקלאל״־פאַרטיי אין ארץ־ישראל. די דאָזיגע דעלעגאַציע האָט בפירוש אַרויסגענומען ארץ־ישראל פון דער רייה לענדער, וואו די אַראַבער האָבען פאַר זיך געפאָדערט זעלבסטשטענדיגקייט.

נאָך מער! אויף דער שלום־קאָנפערענץ איז דאַמאָלס (דעם 13־טן פעברואַר 1919) אויפגעטרעטען אויך אַ דעלעגאַציע פון די סירישע אַראַ־בער. יענע דעלעגאַציע איז בעשטאַנען פון: שאַכרי גאנם (דער פאַרזי־צענדער פון סירישען קאָמיטעט); אניס שחרה, דער פאָרשטעהער פון די קריסטליכע אַראַבער; דזשעמיל ביי מאַרדם, דער סירישער פרעמיער במשך די לעצטע יאָהרען, און אַנדערע. די דעלעגאַציע האָט פערלאַנגט אָבצוטיילען סיריע און ארץ־ישראל פון העדזשאַס, ווייל די סירישע און ארץ־ישראלדיגע אַראַבער זיינען מער ענטוויקעלט ווי די בעוואוינער פונם אַראַבישען האַלב־אינזעל, און אין אָט די פאָדערונגען האָט זי בעזונדערס זיך אָבגעג־שטעלט וועגען ארץ־ישראל אין פאָלגענדע ווערטער:

„ארץ־ישראל איז בלי ספק דער דרום־טייל פון אונזער לאַנד. די ציוניסטען פערלאַנגען דאָס דאָזיגע לאַנד. מיר האָבען געליטען אַזוי פיל ווי די אידען און עס איז אונפאָרשטעלבאַר, אז מיר זאָלן נישט ברייט פונאַנדערעפענען פאַר זיי די ארץ־ישראלדיגע טויערן. אַלע אידען, וועלכע ווערען געיאָגט אין די אָבגעשטאַנענע לענדער, זיינען געוואונשען, און מיר וועלען זיי זאָגען „ברוכים הבאים״. זאָלען זיי זיך בעזעצען אין ארץ־ישראל אָבער אין אַ אויטאָנאָמער ארץ־ישראל, וועלכע איז פערבונדען מיט סיריע בלויז דורך אַ פעדעראַטיווען בונד. צי וועט אַ ארץ־ישראל, וואָס

וועט געניסען פון אַ ברייטער אויטאָנאָמיע נישט זיין פאַר זיי קיין גענוי־גענדע גאַראַנטיע?

אויב זיי וועלען בילדען אַ מערהייט — וועלען זיי זיין די הערשער".

אַט דאָס האָבען געטראַכט די אַראַבישע פיהרער אין דער צייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. דאָס האָבען אויך — לויט דער בעשטעטיגונג פון דער קעניגליכער קאָמיסיע — געטראַכט די מיטגלידער פון בריטישען קאַבינעט, וועלכע האָבען זיך זעלבסט בעטייליגט (לאָיד דזשאָרדזש, טשערטשיל, סעמועל, סמוטס א. א.) אין דער פאָרמולירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

אויב אַזוי, טאָ וואָס־זשע איז דער יסוד פאַר דער פראַזע פונם ווייס־בוך, אַז די פאָרמולירער פונם מאַנדאַט, וואָס די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אַ טייל פון איהם, האָבען נישט געהאַט די כוונה, אַז ארץ־ישראל זאָל ווערען אַ אידישע מדינה? דאָס ווייס־בוך מיידט אויס אָנצווייזען דעם פונקט, פּאַראַגראַף אָדער סתם־אָרט אינם מאַנדאַט, וואו עס ווערט געאָסרט אַ אידישע מדינה. דאָס ווייס־בוך מיידט עס אויס צוליב אַ פשוטען טעם: אין מאַנדאַט איז נישטאָ קיין סימן און קיין רמז פאַר אַזאַ מין איסור. אין מאַנדאַט און אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע איז געזיכערט געוואָרען די נישט־אידישע געמיינדעס אין ארץ־ישראל דאָס אָבהיטען זייערע בירגער־ליכע און רעליגיעזע רעכט. צי איז אַזאַ אָבהיטונג נישט אין איינקלאַנג מיט דער עקזיסטענץ פון אַ אידישער מדינה?

ח

דאָס ווייס־בוך ערקלערט ווילקירליך, „עס געהערט נישט צו דער רעגירונגס־פּאָליטיק — אַז דאָס לאַנד זאָל פערוואַנדעלט ווערן אין אַ אידישע מדינה. אין דער אמת'ן וואָלט עס געווען, לויט איהר מיינונג, געגען איהרע התחייבות'ן לויטן מאַנדאַט און אויך געגען די פערזי־כערונגען, וואָס זיינען געגעבען געוואָרען אין דער פערגאַנגענהייט דעם אַראַבישען פאָלק — אַז די אָרטיגע

אַראַבישע איינוואוינער זאָלען געגען זייער ווילען ווערען אונטערטאַנען פון אַ אידישער מדינה".

מיר האָבען שוין דערוויזען, אַז עס איז לחלוטין גרונדלאָז די הנחה, אַז דער מאַנדאַט שליסט אויס די שאַפונג פון אַ אידישער מדינה. די מחברים פונם ווייס־בוך האָבען, ווייזט אויס, געשפּירט די שוואַכקייט פון אָט דעם אַרגומענט, דעריבער האָבען זיי צוגעגעבען נאָך אַ נ י י ע ם אַרגומענט, וואָס ביז איצט האָט מען נישט געוואוסט פון איהם, — אַז אַזאַ מין הבטחה איז כלומרשט געגעבען געוואָרען די אַראַבער. פרעגט זיך: ווען איז אַזאַ הבטחה געגעבען געוואָרען — פאַר דער באלפור־דעקלאַראַציע אָדער נאָך איר? ווי עס איז שוין אַבסאָלוט קלאָר פעסטגעשטעלט געוואָרען, האָבען די שעפער פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע פאָרגעזעהן די מעגליכקייט פון אַ אידישער מדינה. האָבען זיי אויך עפּעס געוואוסט וועגען דער דאָזיגער פערבאָרגענער הבטחה? די באַלפור־דעקלאַראַציע איז בעשטעטיגט געוואָרען דורכן פעלקער־בונד און זי איז „איינגעשלונגען" געוואָרען אין מאַנדאַט. האָט מען אויך דעם פעלקער־בונד איבערגעגעבען וועגען דער דאָזיגער פערבאָרגענער הבטחה, וועלכע „איז אין פערגאַנגענהייט געגעבען געוואָרען דעם אַראַבישען פאָלק", — און וועלכע איז סותר די באַלפור־דעקלאַראַציע? די דאָזיגע הבטחה אויך בעשטעטיגט געוואָרען דורכן פעלקער־בונד, ווי דאָס איז געשעהן מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע? אָדער אפשר האָט מען אַזאַ הבטחה געגעבען נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע און קיינער האָט נישט געוואוסט דערפון? פאַר וואָס האָט מען וועגען איהר נישט געהערט במשך די גאַנצע צוואַנציג יאָהר? אומזיסט וועט דער לעזער זוכען אַ ענטפער אויף די פראַגען.

לאָמיר אָננעהמען אויף איין מאָמענט, אַז ערגעץ־וואו אין אַ בעהעל־טעניש עקזיסטירט אָט די פערבאָרגענע הבטחה. וואָס־זשע האָט זי פאַר אַ מאָראַלישע און יורידישע קראַפט און בעדייטונג? נאָך דעם ווי ענגלאַנד האָט מסכים געווען אָנצונעהמען דעם ארץ־ישראל־מאַנדאַט פונם פעלקער־בונד — ווערט ארץ־ישראל אַדמיניסטירט ענטשפּרעכענד דעם גרונד־געזעץ, וואָס איז בעשטימט און בעשטעטיגט געוואָרען דורכן פעלקער־בונד. ענגלאַנד איז נישט די ב ע ז י צ ע ר י ן פון ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז

נישט קיין בריטישע טעריטאָריע. די ארץ־ישראלדיגע פּראָדוקציע איז נישט פריי פון ענגלישען צאָל, ווייל זי רעכענט זיך נישט אַלס בריטישע פּראָ־דוקציע. פונוואַנען־זשע נעמט זיך צו דער מאַנדאַט־רעגירונג דאָס מאָראַ־לישע און יורידישע רעכט צו בעשטימען, געהיים און אויף אייגענער האַנד, דעם צוקונפט־גורל פון לאַנד? ערשט מיט אַ האַלב יאָהר צוריק האָט לאָרד ווינטערטאָן אין נאָמען פון דער רעגירונג ערקלערט אין ברי־טישען פּאַרלאַמענט — אין נאָמען פון דער זעלבער רעגירונג, וועלכע האָט איצטער אַרויסגעגעבען דאָס ווייס־בוך — אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע איז ווייטער גילטיג, אַז עס זיינען גילטיג אַלע התחייבות׳ן פון ענגלאַנד לגבי דעם אידישען פאָלק. — ווי אַזוי־זשע האָט די דאָזיגע רעגירונג איצט געקאָנט מאַכען אַ אָנשטעל, אַז איהר נייע בעשטימונג ענטשפּרעכט איהרע פערפליכטונגען לויטן מאַנדאַט? איז דען פאָרגעקומען עפּעס אַ ענדערונג אינם מאַנדאַט־נוסח נאָך דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ?...

ט.

אין פונקט 5 ציטירט דאָס ווייס־בוך ווידער אַ לאַנגען אָבשניט פון טשערטשילס ווייס־בוך (1922), און אין אָנהויב פון פונקט 6 ווערט ער־קלערט פייערלעך, אַז „די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט איז טריי אט דער אויסטייטשונג פון דער דעקלאַראַציע פון 1917, און זי בעטראַכט זי אַלס קאָמפּעטענטע און אויספיהרליכע שילדערונג פונם כאַראַקטער פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים״.

אָבער אין יענעם ווייס־בוך פון 1922 זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרען פיער פּרינציפּען, וועלכע זיינען נויטווענדיג „פאַר די בעסטע אויסזיכטען פאַר דער פ ר י י ע ר ע נ ט ו ו י ק ל ו נ ג פון דער נאַציאָנאַלער היים״, דאָס זיינען:

א) אַ אידישע עליה לויט דער עקאָנאָמישער אויפנעהם־מעגליכקייט פון לאַנד.

ב) דאָס געפינען זיך פון די אידען אין ארץ־ישראל קומט פאַר בזכות און נישט בחסד.

ג) די עקזיסטענץ־זיכערונג פון דער נאַציאָנאַלער היים דאַרף פאַר־קומען אויף אַ אינטערנאַציאָנאַלען אופן.

ד) אַ אָפיציעלע אָנערקענונג, אַז די נאַציאָנאַלע היים באַזירט זיך אויף אַן׳ אוראַלטער היסטאָרישער פערבינדונג.

די פּאָליטיק, וועלכע ווערט פּראָקלאַמירט אין נייעם ווייס־בוך, צעשטערט און מאַכט בטל אַט די אַלע פיער פּרינציפּען.

די אידישע עליה ווערט פון איצט אָן און ווייטער בעשטימט ווילקיר־ליך און סדומ׳יש, לויט איהר מאָס, און נאָך פינף יאָהר ווערט זי אינגאַנצען אָבגעשטעלט.

דער גורל פון די אידען ווערט איבערגעגעבען אין די הענד פון אַן׳אַראַבישער מערהייט־מאַכט, אויב אַזאַ מאַכט זאָל טאַקי ענטשטעהן.

די אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס פאַר דער נאַציאָנאַלער היים ווערען צעטרעטען און צונישט־געמאַכט.

די היסטאָרישע פערבינדונג פון ארץ־ישראל מיטן אידישען פאָלק ווערט נאָך פינף יאָהר איבערגעריסען — אויב די ווייס־בוך־פּאָליטיק זאָל רעאַליזירט ווערען.

עס איז שווער פאָרצושטעלן זיך אַ מער־ציניש׳ען חוזק, ווי דער, וואָס שטעקט אין דער דאָזיגער פייערליכער און אָפיציעלער פּראָקלאַמי־רונג, וועלכע טוט דעם היפך פון דעם, וואָס זי זאָגט.

י

נאָכדעם ווי פונקט 7 שטעלט פעסט, אַז די אַראַבער האָבען נישט „קיין שום גערעכטען גרונד צו פערלאַנגען, אז ארץ־ישראל דאַרף ווערען אַן׳אַראַבישע מלוכה״ — קומען די פונקטען 8—11 און בעשטימען, אַז אין פערלויף פון צעהן יאָהר וועט ארץ־ישראל ווערען אַן׳אַראַבישע מלוכה... די דאָזיגע אויסגעהאַלטענקייט ווערט אויך דורכגעפיהרט מיט יענע קונץ־שטיק, מיט וועלכע עס צייכענט זיך בכלל אויס דאָס ווייס־בוך, ווען עס נעהמט זיך אויסטייטשען די מאַנדאַט־פונקטען, — נאָר דאָ איז די

שיטה אַ פּערקעהרטע. ווען עס האַנדעלט זיך וועגן פּערפּליכטונגען לגבי די אידען — ווייסען די מחברים אַזוי „אויסצוטייטשען" דעם מאַנדאַט, אַז יעדער „יאָ" ווערט אַ „ניין"; אָבער ווען עס קומט צו פּערפּליכטונגען לגבי די אַראַבער — מאַכען די אויסטייטשונגען יעדען „ניין" פאַר אַ „יאָ".

אינם פּערוואַנדלען ארץ־ישראל אין אַן אַראַבישע מדינה פּעררופט זיך דאָס ווייס־בוך אויפן צווייטען פּונקט פון מאַנדאַט, וועלכער פּערפּליכטעט, כידוע, די מאַנדאַט־רעגירונג אַוועקצושטעלען דאָס לאַנד אין אַזעלכע פּאָלי־טישע, עקאָנאָמישע א. ד. ג. פּערהעלטנישען, וועלכע זאָלען זיכערן די שאַפונג פון דער נאַציאָנאַלער היים, ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אין דער הקדמה. אין דעם זעלבען פּונקט אין פּערהאַן אַ הוספה: „און אויך ענטוויקלען זעלבסט־פּערוואַלטונגס־אָרגאַנען". אין די מאַנדאַטען פאַר סיריע און איראַק שטעהט געשריבען „דערפיהרען צו אומאָבהענגיגקייט", אָבער אין דעם ארץ־ישראל־מאַנדאַט, וועלכער איז אַן „אייגענאַרטיגער — כאָטש ער געהערט אויך ווי דער סירישער און איראַקישער מאַנדאַט צו קאַטעגאָריע א' — איז בעוואוסטזיניג און מיט אַ קלאָרען ציעל אַרויסגע־לאָזט געוואָרען די פּליכט פון אומאָבהענגיגקייט", ווייל די מאַנדאַט־פאָרמו־לירער האָבען געוואוסט, אַז דער הויפּט־ציעל פונם ארץ־ישראל־מאַנדאַט איז די שאַפונג פון דער נאַציאָנאַלער היים, און נאַציאָנאַלע היים מיט אומאָבהענגיגקייט לאָזען זיך נישט צוזאַמענפּאָרען. דעריבער האָבען די מאַנדאַט־פאָרמולירער בענוצט דעם בעגריף „זעלבסט־פּערוואַלטונגס־אָרגאַנען" און נישט דעם בעגריף אומאָפּהענגיגקייט און אפילו נישט דעם בעגריף „זעלבסט־פּערוואַלטונג".

בשעת עס איז אויפגעשוואומען די פראַגע וועגען לעגיסלאַטיווען ראַט האָט אויך דער ענגלישער פּאַראַמענט אָנגענומען די זעלבע שטעלונג, און ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג (כאָטש עס איז נישט פאָרגעקומען קיין פאָרמעלע אָבשטימונג), אַז די שאַפונג פון אַ לעגיסלאַטיווען ראַט ענטהאַלט אין זיך אַ סכנה פאַר דער נאַציאָנאַלער היים, דעריבער דאַרף מען אים נישט שאַפען. אָבער דאָס איז נאָך ביז איצט זיכער קיינעם נישט איינגעפאַלען — צו אידענטיפיצירען דעם בעגריף „זעלבסט־פּערוואַלטונג־אָרגאַנען" מיטן בעגריף „אומאָבהענגיגקייט", וואָרום נישט אומזיסט האָט

דאַך דער מאַנדאַט אויסגעמיטען צו בענוצען דעם דאָזיגען בעגריף.

די קעניגליכע קאָמיסיע האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דער פראַגע און זי האָט בעטראַכט און אויפגעקלערט דעם זין און דעם כאַראַקטער פון די התחייבות׳ן, וועלכע זיינען ענטהאַלטען אין פונקט 2 פון מאַנדאַט, און זי איז געקומען צום אויספיהר, „עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דער אורשפרינגליכער ציל פונם מאַנדאַט, ווי ער קומט צום אויסדרוק אין דער הקדמה און אין די פונקטען, איז צוצוהעלפען דער שאַפונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים". אָט דער אויספיהר, ווי די אַנדערע קאָמיסיע־אויספיהרען, איז מיט אָנדערטהאַלבען יאָהר צוריק בעשטעטיגט געוואָרען דורך דער רעגירונג. איצט קומט די זעלבע רעגירונג און פראַק־לאַמירט, אַז די פליכט צו שאַפען „זעלבסט־פערוואַלטונגס־אָרגאַנען" איז נישט בלויז וויכטיגער פאַר דער פליכט פון דער נאַציאָנאַלער היים, נאַר זי מאַכט זי בטל, ווייל „זעלבסט־פערוואַלטונגס־אָרגאַנען" איז דער טייטש אומאָבהענגיגקייט און די אומאָבהענגיגקייט דאַרף געגעבען ווערען דוקא במשך צעהן יאָהר, און אין די דאָזיגע צעהן יאָהר ווערט נגזר אויף די אידען זיי זאָלען פערבלייבען אַ אייביגע מינדערהייט אין דער צאָל פון אַ בעפעלקערונגס־דריטעל. די אומאָבהענגיגקייט ווערט, הייסט עס, געגעבען דער אַראַבישער מעהרהייט, און די געשאַפענע מדינה וועט זיין אַנ׳אַראַ־בישע מדינה.

דאָ שפירן אָבער ווידער די מחברים פונם „ווייס־בוך", אַז זייער פירוש איז אַביסל אַ געקוועטשטער און ער האַלט נישט אויס קיין אמתדיגע קריטיק, — גיבען זיי דעריבער צו: „אויך אָהן דער דאָזיגער בפירושער (?) פערפליכטונג וואָלט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט בעטראַכט דאָס איבערלאָזען די בעפעלקערונג פון לאַנד אונטער אַ אייביגער מאַנדאַ־טאַרישער אפוטרופסות אַלס געגענזאַץ צום גאַנצען גייסט פון דעם מאַנדאַטען־סיסטעם". די מחברים האָבן דאָ נאָך־אַ־מאָל זיך בענוצט מיט אַ קליין כיטרע שפיצעל און צוגעגעבען איין לייכט ווערטעלע „אייביגע", — אַ ווערטעלע, וואָס האָט בכלל צום ענין קיין שייכות נישט, — כדי די מאַנדאַט־פערקריפלונג זאָל בעקומען אַ לייטישערען אויסזעהן. ווען דער נאַאיווער לעזער וועט אַוועקשטעלט ווערען פאַר דער ברירה צווישען

געבען אומאָבהענגיגקייט און צווישען אייביגער אַפּוטרופּסות — וועט ער זיכער מסכּים זיין, אַז עס איז זעהר נישט פיין אָנצוּוואַרפען אויפן לאַנד א י י ב י ג ע מאַנדאַטאַרישע אַפּוטרופּסות. די ביטערקייט איז אָבער אין דעם פאַל זעהר אַ דורכזיכטיגע. ווער האָט עס דען געהאַלטען, אַז ארץ־ישראל וועט זיך א י י ב י ג געפינען אונטער מאַנדאַט־הערשאַפט?

אויב די מאַנדאַט־ רעגירונג וויל פּטור ווערען וואָס גיכער פונם מאַנדאַט און פון דער מיט איהם פערבונדענער הערשאַפט איבער ארץ־ישראל, — האָט זי, נאַטירליך, דאָס רעכט דערצו. אין ווייס־בוך איז אָבער שווער צו געפינען אַ ממשותדיגען סימן פון אַזאַ סאָרט ווילען. יעדענפאַלס ערקלערט דאָס ווייס־בוך אונצוויידייטיג און גאַנץ אָפען, אַז במשך די נאָהנטסטע צעהן יאָהר וועט אין לאַנד פערבלייבען די ענגלישע הער־שאַפט, און עס איז דאָרט נישט פערהאַן קיין קלאָרע און ענטשידענע מיינונג, אַז נאָך די צעהן יאָהר וועט די מאַנדאַט־רעגירונג יאָ אַוועק פון ארץ־ישראל. אַדרבה, עס איז פערהאַן אַ קלאָרער בעוויז, אַז די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האַלט שוין איצטער פאַר מעגליך, אַז אויך נאָך די צעהן יאָהר וועט דאָ פערבלייבען די ענגלישע מאַכט, און אויב דאָס זאָל נישט זיין בלויז קיין צוואַנגס־מאַכט, איז דאָך די איינציגע י ו ר י ד י ש ע באַזע פאַר איהר, וועלכע האָט אַ אינטערנאַציאָנאַלע קראַפט, — די מאַנדאַט־בעפאָלמעכטיגונג פונם פעלקער־בונד. און דער פאָרזיצענדער פון דער מאַנדאַטען־קאָמיסיע האָט שוין געפּסקנט (אין אויגוסט 1937) „עס איז אונ־פאָרשטעלבאַר, אַז אין דער איבערגאַנגס־צייט צווישען דער איצטיגער רעגירונגס־אָרדנונג און דער שאַפונג פון אַ נייער אָרדנונג זאָל ארץ־ישראל רעגירט ווערען לגמרי לויט דעם אַלייניגען ווילען פון דער מאַנדאַט־מאַכט. אויב דער מאַנדאַט זאָל פערשווינדען איידער מען בעקומט עפּעס אַנ׳אַנדערען אינטערנאַציאָנאַלען אָרדער — וועט גרויס־בריטאַניע פער־לירען דאָס רעכט, אויפן סמך פון וועלכען זי רעגירט איצט אין לאַנד. אויב דער מאַנדאַט ווערט פאַרטגעזעצט, אַ פ י ל ו א ל ס א י ב ע ר ג א נ ג ס־מ י ט ע ל, ווערט ער פאַרטגעזעצט מיט אַלע זיינע התחייבות׳ן!"

וואָס־זשע פאַר־אַ רעכט און בערעכטיגונג האָבען די מחברים פונם ווייס־בוך — וועלכע היטען דאָך פרום אָב, לויט זייערע רייד, נישט בלויז די

מאַנדאַט־פּונקטען נאָר אויך דעם גייסט פונם מאַנדאַטען־סיסטעם — איבערצודרעהען דעם מאַנדאַט מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַרויסנעהמען פון איין צענטראַלען מאַנדאַט־פּונקט דעם גאַנצען עיקר און אַריינלעגען אין צווייטען פונקט אַזוינס, וואָס געהער נישט צו איהם?

אויך אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ האָט מען געפרעגט די אידישע דעלעגאַציע: איהר ווילט, אַז דער מאַנדאַט זאָל זיך ציהען אייביג? און די תשובה איז געווען: ניין, קיינער האַלט נישט, אַז דער ארץ־ישראל־מאַנדאַט דאַרף עקזיסטירען לעולם ועד. קיין שום פּאָליטישע רעגולירונג בלייבט נישט לעולם ועד. מיר פערלאַנגען אָבער, אַז אין דער עקזיסטענץ־תקופה פון מאַנדאַט זאָל איהר איהם מקיים זיין פאָלשטענדיג, און איידער ער וועט פערענדיגט און ליקווידירט ווערן זאָל מען צוגרייטען אַזאַ נייע רעגירונגס־אָרדנונג, וועלכע זאָל ערמעגליכען צו פערווירקליכען די הויפּט־אויפגאַבע פונם מאַנדאַט: די ענטוויקלונג און שטיצונג פון דער נאַציאָנאלער היים — ענטשפּרעכענד דער הקדמה און די פּונקטען פון מאַנדאַט, ד. ה. ענטשפּרעכענד די רעכט פון אידישען פאָלק ווידעראויפצובויען זיין נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל אויפן גרונד פון זיין היסטאָרישער פערבינדונג מיטן לאַנד און פון די אַנדערע מאָטיווען, וועלכע זיינען אָנגעצייכענט אין דער הקדמה; די אָבהיטונג פון די התחייבות׳ן צו פערלייכטערען די אידישע עליה און ערמוטיגען אַ אידישע קאָלאָניזאַציע, און די אָנערקענונג פון דער אידישער אַלוועלטליכער רעפּרעזענטאַנץ און נישט בלויז פון דעם ארץ־ישראל־אידענטום. וואָרום די היסטאָרישע פערבינדונג, וועלכע איז אָנערקענט דורכן מאַנדאַט, איז נישט בלויז אַ פערבינדונג צווישען לאַנד און די דאָ־וואוינענדע אידען, נאָר עס איז אַ פערבינדונג צווישען ארץ־ישראל און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק.

דאָס „ווייס־בוך״ וויל ווידער פערבלענדען די אויגען און דערווייזען, אַז מען קען נישט אויפהאַלטען דעם מאַנדאַט אייביג. דאָס איז אינגאַנצען איבעריג צו דערווייזען. אָבער אויב די רעגירונג געפינט פאַר נויטיג צוצואַיילען די רעאַליזירונג פון די מאַנדאַט־פּונקטען — דאַרף די

צואיילונג זאל זיין אויף אַלע פּונקטען פונם מאַנדאַט, און קודם כל אויפן פּונקט וועגען דער נאַציאָנאַלער היים. זי קאָן אָבער נישט — בשעת זי האַלט, אַז זי איז טריי דעם מאַנדאַט — פאַרפּאַמעליכען און דערנאָך אינ־גאַנצען אָבשטעלען דעם וואוקס פון דער נאַציאָנאַלער היים — כדי זי זאָל קאָנען צואיילען די שאַפונג פון די „זעלבסט־פערוואַלטונגס־אָרגאַנען" און פערוואַנדלען די „אָרגאַנען" אין „אומאָבהענגיגקייט", נאָכדעם ווי אומ־אָבהענגיגקייט איז מיט אַ קלאָרער כוונה אַרויסגענומען געוואָרען פונם ארץ־ישראל־מאַנדאַט.

יא.

„אין איצטיגען מאָמענט — ווערט געזאָגט אין פּונקט 8 — קאָן די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט נישט פאָראויסזאָגען, ווי וועלען אויס־זעהן די גענויע(!) קאָנסטיטוציאָנעלע פאָרמען, וועלכע עס וועט צום סוף בעקומען די רעגירונג פון לאַנד, אָבער דער ציל, וואָס צו איהם שטרעבט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט, איז — זעלבסט־פערוואַלטונג, און זי וויל, אַז עס זאָל ביים אָבשלוס פון דער תקופה געשאַפען ווערען אַ אומאָב־הענגיגע פּאַלעסטינישע מדינה. דאָס דאַרף זיין אַ מדינה, וואו ביידע פעלקער, די אַראַבער און די אידען, זאָלען זיך בעטייליגען אין דער רעגירונג פון לאַנד, אַזוי אַז די וויכטיגסטע אינטערעסען פון יעדען פון זיי זאָלען זיין געזיכערט".

די מחברים פונם ווייס־בוך האָבען, ווייזט אויס, פערגעסען אינ־צווישען וואָס זיי האָבען געזאָגט אין איינעם פון די פריהערדיגע פּונקטען וועגען דער גרויסער סכנה פאַרן שלום פון לאַנד, וועלכע עס ענטהאַלט אַ „פערנעבעלטע בעדייטונג פון אויסדרוקען און פּאָליטישע אונקלאָרקייט, וואָס איז אַ רעזולטאַט דערפון". אויב די אונקלאָרקייט פון דער פּאָליטיק איז, לויטן ווייס־בוך, אַ „הויפּט־פאַקטאָר" פאַר דעם אונרוה און פאַר דער שנאה צווישען די אַראַבער און די אידען, האָט מען דאָך געקענט מיינען, אַז בעת די מחברים וועלען האַלטען ביים פאָרמולירען אַ נייע פּאָליטיק — וועלען זיי וועניגסטענס זיך אָבהיטען פון פערנעבעלטע אויסדרוקען און

פון אונקלאָרקייט. אָבער די גאַנצע „פערנעבעלטקייט”, וואָס די מחברים פונם ווייס־בוך שרייבן־צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע און די מאַנדאַט־פּונקטען אין קרישטאַל־קלאָר לגבי דער שטאָק־פינצטערניש, מיט וועלכער עס איז, בעוואוסטזיניג און אויסגערעכנט, פאָרמולירט געוואָרען די נייע פּאָליטיק.

ערשטע פראַגע: צי וועט באמת ענטשטעהן אַ אומאָבהענגיגע מדינה? אין פלוג ענטפערט דאָס ווייס־בוך אויף דער פראַגע פּאָזיטיוו: „דער ענד־ציעל פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט איז די שאַפונג פון אַ אומאָבהענגיגער פּאַלעסטינישער מדינה, וועלכע זאָל זיין פערבונדען מיט גרויס־בריטאַניע דורך אַ אָבמאַך, וואָס אין איהם זאָלען ווערען בעפרידיגט, אין אַ גענוגענדער פאָרם, די צוקונפטיגע סטראַטעגישע און האַנדעלס־בעדערפנישען פון ביידע לענדער”. פרעגט זיך אָבער: וואָס הייסט „אין אַ גענוגענדער פאָרם”? וואָס וועט הייסען בעפרידיגט די סטראַטעגישע און האַנדעלס־בעדעפנישען פון גרויס־בריטאַניע? און אויב „די סטראַטעגישע און האַנדעלס־בעדערפנישען” וועלען נישט זיין אין איינקלאַנג מיט דער אומאָבהענגיגקייט פון פּאַלע־סטינע, — וואָס וועט זיין מיט דער אומאָבהענגיגקייט? אויף אָט די לייכטע פראַגען איז, פערשטעהט זיך, נישטאָ קיין שום תשובה.

צווייטע פראַגע: ווען וועט ענטשטעהן די אומאָבהענגיגע מדינה? אין פלוג ענטפערט דאָס ווייס־בוך אויך אויף דער דאָזיגער פראַגע גאַנץ קלאָר: „אין פערלויף פון צעהן יאָהר”. דאָס הייסט, וואַהרשיינליך, אין פערלויף פון צעהן יאָהר נאָך דער פערעפענטליכונג פונם ווייס־בוך, אָדער אפשר ערשט נאָך דער בעשטעטיגונג פונם ווייס־בוך דורכן פּאַרלאַמענט און דורכן פעלקער־בונד, וואָרום עס איז שוין דערמאָנט געוואָרען, אַז דאָס ווייס־בוך איז, אייגענטליך, בלויז — „פּאָרשלאַגען” פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט. יעדענפאַלס רעדט זיך וועגען צעהן יאָהר, מעג דער אָנהויב פון דער תקופה זיין ווען ער זאָל נישט זיין, — דאַרף זי, לויט דער ציטירטער תשובה, דויערען נישט מעהר פון צעהן יאָהר. און צעהן יאָהר איז — צעהן יאָהר, נישט מעהר פון צעהן. טאָמער האָט נאָך עמיצער אַ וועלכען־נישט־איז ספק קומט דער סוף פון קאַפּיטעל 10 צו שטאַרקען

די אמונה אין די צעהן יאָהר און ער פּראָקלאַמירט צום צווייטען מאָל: „די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט וועט טהון אַלעס וואָס איז מעגליך כדי צו שאַפען אַזעלכע בעדינגונגען, וועלכע זאָלען ערמעגליכען די שאַפונג פון דער אומאָבהענגיגער פּאַלעסטינישער מדינה אין פערלויף פון צעהן יאָהר״. אָט דאָס איבער׳חזר׳ן די מעשה־צעהן יאָהר ערוועקט שוין אַ ביסעל שטוינען. אָבער ווען מען לייענט ווייטער — ערוועקט זיך שוין אַ ערנסטער צווייפעל אין דער „פּאָליטישער אַריטמעטיק״ פונם ווייס־בוך. וואָרום ווייטער לייענט מען דאָס פאָלגענדע: „אויב ביים סוף פון די צעהן יאָהר וועט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט איינזעהן, אַז טראָץ איהרע האָפנונגען צווינגען די אומשטענדען אָבצולעגען די גרינדונג פון דער אומאָבהענגיגער מדינה״ — הייסט דאָס, אַז די צעהן יאָהר זיינען נישט אַזוי אומבעדינגט געענוי. די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט פערפליכטעט זיך אָנצופרעגען דאָן „די מיינונג פון די פאָרשטעהער פון די איינוואוינער פונם לאַנד (די אידישע אַגענץ פערשווינדט דערווייל, אָהן אַ בעזונדערער מעלדונג פון ווייס־בוך און אָהן אַ פּרווו צו ערקלערען די פערשווינדונג מיט עפּעס אַ מאַנדאַט־„געטרייען״ פירוש), פונם ראָט פון פעלקער־בונד און פון די נאָהענטע אַראַבישע מדינות״ (דאָס פּוסט־געוואָרענע אָרט פון דער אידישער אַגענץ אַלס פאָרשטעהערין פון גאַנצען אידישען פאָלק פערנעהמען פלוצלינג פרעמדע אַראַבישע מדינות, וועלכע האָבען קיין שום פּאָזיציעס נישט אין ארץ־ישראל, — און דאָס ווערט אַלץ געטון על טהרת ה„געטריישאַפט״ צום מאַנדאַט). — אָבער נישט די איינוואוינער פונם לאַנד, און נישט דער פעלקער־בונד, און אַפילו נישט דער נייער שותף צום בעשטימען דעם גורל פון ארץ־ישראל — די שכנותדיגע אַראַבישע מדינות, נישט זיי אַלע, נאָר די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט „וועט בעשליסען מכוח דער דאָזיגער אָבלעגונג״. איז דאָס נישט קיין וואונדערבאַר־„קלאָרע״ פּאָליטיק?

אַזוי זעהט אויס דער „ענד־ציעל״ — דער טשוואָק פון דער נייער פּאָליטיק. אָבער אויך בנוגע דער „איבערגאַנגס־תקופה (וועלכע קען, לויטן ווייס־בוך, זיך ציהען און ציהען אָהן אַ אויפהער, אויב דאָס וועט נאָר וועלען די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט) קען מען נישט געפינען קיין סך קלאָרקייט

אין דער נייער פּאָליטיק, אויסער איין זעהר־זעהר קלאָרע זאַך: „איידער עס וועט געשאַפען ווערען די אומאָבהענגיגע מדינה וועט פריהער זיין אַ איבערגאַנגס־תקופה, במשך אָט דער גאַנצער תקופה וועט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָבען אין איהרע הענד די אחריות פאַר דער הער־שאַפט אין לאַנד". ווערטער ווי שפּיזען. אמת, עס איז אַ גרויסער ספק, צי אָט די אונצווייפעלהאַפטע ק ל אָ ר ק י י ט וועט ברענגען רוה און פרידען. וואָרום לויט די רייד פונם ווייס־בוך איז די הויפּט־סיבה פון די אונרוהען אין לאַנד — דער ווילען פון די איינוואוינער (פון די אַראַבישע, פערשטעהט זיך) צו זעלבסט־פערוואַלטונג און צו בעפרייאונג פון דער אַפּוטרופסות פון דער מאַנדאַט־רעגירונג. דאָס איז דאָך גילטיג נישט בלויז ווען די מאַנדאַט־רעגירונג פיהרט־אויס מעהר אָדער ווייניגער די מאַנדאַט־פונקטען נאָר אויך ווען זי וועט הערשען אין לאַנד אין געגענזאַץ צו די מאַנדאַט־פערפּליכטונגען, ווי זי האָט עס בדעה צו טון לויטן נייעם ווייס־בוך. אָדער אפשר מיינט די רעגירונג, אַז די אַראַבער רעוואָלטירען געגען ענגלאַנדס הערשאַפט נאָר ווען זי אָנערקענט די נאַציאָנאַלע היים, און זיי וועלען מיט איהר שלום מאַכען בעת זי וועט שטערען דער נאַציאָנאַלער היים? די ערפאַהרונג פון מצרים און פון איראַק בערעכטיגען נישט אַזאַ מין סברה...

עס איז, ווי געזאָגט, אַ גרויסער ספק צי די קלאָרקייט בנוגע אַזאַ וויכטיגען פונקט וועט דינען אַלס בערוהיגענדער און איינשטילענדער פאַקטאָר. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז די פאָרטזעצונג פון דער פולער ענגלי־שער הערשאַפט בעת דער איבערגאַנגס־תקופה — וועלכע האָט נישט קיין שום בעשטימטען און ענדגילטיגען סוף — איז דער איינציגער קלאָרער פונקט אינם פּלאַן פון דער נייער רעגירונגס־אָרדנונג. אַלדאָס איבעריגע איז איינגעהילט אין אַ געדיכטען נעבעל פון ווערטער, וועלכע קענען פיעלדייטיג געטייטשט ווערען...

„ב אַ ל ד נ אָ כ ד ע ם ווי ע ס וועלען ווידער איינגע־שטעלט ווערען אין אַ גענוגענדער מאָס פרידען און אָ ר ד נ ו נ ג אין ל אַ נ ד וועט אַדורכגעפיהרט ווערען די נויטיגע טעטיגקייט כדי צו רעאַליזירען די פּאָליטיק פון געבען די איינוואוינער אַ כסדר־

וואַקסענדען טייל אין דער רעגירונג פון זייער לאַנד". ערוועקט זיך דאָ
ווידער אַ פראַגע, אויף וועלכער עס איז נישטאָ קיין תשובה אין ווייס־בוך:
און אויב עס וועט נישט ווידער הערשען פרידען? און ווער וועט פעסט־
שטעלען די „גענויגענדע מאָס"? און וואָס וועט זיין, אַז דער פרידען
וועט שפעטער ווידער געשטערט ווערען? צי מיינען באמת די מחברים פונם
ווייס־בוך, אַז אַזעלכע אונקלאָרע הבטחות וועלען צופרידענשטעלען די
„שטערער פון פרידען"? וועט פאַר די טעראָריסטען גענוג זיין דער
געשאַנק פון ליקווידירען די „נאַציאָנאַלע היים"?

איצט לאָמיר־זשע זעהן, וואָס וועט — לויטן ווייס־בוך — געשעהן
נאָך דער גאָלדענער צייט פון ווידער אויפשטעלען פרידען און אָרדנונג.
„דער ציעל איז — אַוועקצושטעלען פאַלעסטינעזער אין דער שפּיץ פון
אַלע רעגירונגס־דעפאַרטאַמענטען, ביי דער מיטהילף פון ענ־
גלישע ראַטגעבער און אונטער דער אויפזיכט פון נציב
העליון". דאָס איז נישט קיין „ענד־ציעל" ווי די שאַפונג פון דער
אומאָבהענגיגקייט, אָבער אויך אָט דער כלומרשט נאָהענטער ציעל איז
נישט באַזונדערס קלאָר און בעשטימט. „די צאָל פאַלעסטינעזער, וועלכע
וועלען אַוועקגעשטעלט ווערען אין דער שפּיץ פון רעגירונגס־דעפאַר־
טאַמענטען, וועט שטייגען אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דאָס
וועלען ערלויבען די אומשטענדען". וועלכע אומשטענדען, און
ווער וועט פעסטשטעלען צי זיי ערלויבען צי נישט? די מחברים פונם
ווייס־בוך האָבען ווידער פערגעסען דעם קלאָרקייטס־חוב און די בעדייטונג
דערפון פאַרן פרידען פון לאַנד... „דער וואוקס פון די זעלבסט־פערוואַל־
טונגס־אָרגאַנען אין פאַלעסטינע — לערנט אונז דאָס ווייס־בוך אַ קאַפּיטעל
אומאָבהענגיגקייט — דאַרף, ווי אין אַנדערע לענדער, פאָרקומען דורך
אַ עוואָלוציאָנערען פּראָצעס", און ווען די אומשטענדען וועלען ערלויבען
וועלען אַלע דעפאַרטאַמענט־לייטערס זיין פאַלעסטינעזער. „דערגעהענדיג
צו דעם דאָזיגען עטאַפּ וועט די רעגירונג פון זיין מאַיעס־
טעט בעהאַנדלען די פראַגע מכוח פערוואַנדלען די רעגירונגס־
עקזעקוטיווע אין אַ מיניסטאָרען־ראַט, און אַלס רעזולטאַט דערפון וועט
פאָרקומען אַ ענדערונג אין דער לאַגע און אין די פונקציעס פון די פאַלע־
סטינעזישע דעפאַרטאַמענטס־לייטערס".

יב.

אין אָט דעם גאַנצען אונקלאָרען און צעמישטען נעבעל פון עטאַפּען און בעהאַנדלונגען און אומשטענדען, וועלכע ווערען פון צייט צו צייט פעסטגעשטעלט דורך דער רעגיערונג פון זיין מאַיעסטעט, איז שווער צו געפינען אַ תשובה אויף איין פראַגע: וואָס האָט די גאַנצע פּלוידעריי פאַר אַ שייכות מיט „זעלבסט־פערוואַלטונגס־אָרגאַנען״? די „דעפּאַרטאַמענט־לייטערס״ וועלען נישט געוויילט ווערען דורך די ארץ־ישראל־איינוואוינער. זיי וועלען קיינעם נישט רעפּרעזענטירען. זיי וועלן בעשטימט ווערען דורך דער רעגירונג, דורכן נציב אָדער דורך זיינע מיטהעלפער. זיי וועלען האָבען די מיטהילף פון בריטישע „ראַטגעבער״ און די „אויפזיכט״ פון נציב העליון — וואו־זשע איז דאָ די „זעלבסט־פערוואַלטונג״ אין דער „איבערגאַנגס״־תקופה? די אויפקלערער פון דער נייער פּאָליטיק האָבען צוליב וועלכע־עס־איז טעמים אויסגעמיטען צו געבען אַ תשובה אויף דער פראגע... טאָמער מיינט איהר, אַז זיי האָבען פערגעסען — האָט איהר אַ טעות: „ביי דעם עטאַפּ לעגט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט נישט פאַר קיין שום פאָרשלאַג וועגען שאַפען אַ געוועהלטען לעגיסלאַטיווען אָרגאַן. צוזאַמען דערמיט וועט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט בעטראַכטען אַ געוועהלטען לעגיסלאַטיווען אָרגאַן אַלס ענט־שפּרעכענדע קאָנסטיטוציאָנעלע ענטוויקלונג, און אויב די פּאַלעסטינישע עפענטליכע מיינונג וועט דערנאָך אַרויסווייזען, אַז זי שטיצט־אונטער אַזאַ ענטוויקלונג, וועט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט זיין גרייט צו שאַפען דעם נויטיגען אַפּאַראַט, אויב די אָרטיגע פערהעלטנישען וועלען עס ערלויבען״.

דערפון דרינגט דאָך אַרויס, אַז די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט איז גאָר נישט זיכער צי די עפענטליכע מיינונג אין לאַנד שטיצט אונטער דעם געדאַנק פון אַ געוועהלטען לעגיסלאַטיווען אָרגאַן, און זי האַלט נישט ביים שאַפען אַזאַ אָרגאַן אין איצטיגען עטאַפּ, און זי פערפּליכטעט זיך בכלל נישט איהם צו שאַפען שפּעטער אין אַ בעשטימטער צייט — זי זאָגט בלויז צו בעשטימען פּאַלעסטינעזער אַלס בעאַמטע, ווי זי האָט עס געטהון ביז איצט, נאָר זי וועט זיי אָנרופען מיט נייע נעמען „דעפּאַר־

טאַמענט־לייטער", כאָטש זיי וועלען זיין אונטערגעגעבען דעם בריטישען „ראַטגעבער" און די אינסטיטוציעס פון נציב העליון. מיט וואָס־זשע וועט די נייע רעגירונגס־אָרדנונג זיך אונטערשיידען פון דער איצטיגער פונם שטאַנדפונקט פון פערוואַלטונג? צו־וואָס די אויגען־בלענדעניש מיט די קלינגענדע נעמען? און אויב ווידער די רעגירונג איז בכלל נישט זיכער, אַז מען קען שאַפען אַ געוועהלטען אָרגאַן אין דער „איבערגאַנגס־תקופה" — ווי אַזוי־זשע זאָגט זי צו צו געבען דעם לאַנד אומאָבהענגיגקייט „אין פערלויף פון צעהן יאָהר"? אַפילו אָט דער נעבעכדיגער „אַפּאַראַט", וואָס די רעגירונג וועט זיין גרייט איהם צו שאַפען, אויב די עפענטליכע מיינונג וועט שטיצען א. א. וו., איז דאָך נאָך נישט קיין זיכערער, ווייל דאָס ווייס־בוך פערפליכטעט זיך איהם צו שאַפען נאָר „אויב די אָרטיגע פערהעלטנישען וועלען עס ערלויבען".

יג.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז וואָס די תורה פון ווייס־בוך פערפעהלט אין איין אָרט — גיט זי אָב אין אַ אַנדער אָרט. אין דער איבערגאַנגס־תקופה איז טאַקע נישטאָ קיין „זעלבסט־פערוואַלטונג" דערפאַר האָבען אָבער די מחברים פונם ווייס־בוך נישט אויפגעהערט צו זאָרגען פאַר דער תקופה נאָכן איבערגאַנג, און זיי דערקלערען שוין איצט, אַז „אין פערלויף פון פינף יאָהר נאָך דער ווידער־איינשטעלונג פון פרידען און אָרדנונג וועט געבילדעט ווערען אַ ענטשפּרעכענדער ראַט, אין וועלכען עס וועלען זיין פערטרעטען די איינוואוינער פון פאַלעסטינע און די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט, מיטן צוועק צו קאָנטראָלירען דעם רעאַליזירונגס־אופן פון קאָנסטיטוציאָנעלע(?) פעראָרדנונגען און צו בעהאַנדלען די פראַגע וועגען אַ קאָנסטיטוציע פאַר דער אומהאָבהענגיגער פאַלעסטינער מדינה און צושטעלען פאָרשלאַגען (ועמען?) מכוח דעם ענין".

די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט וועט דאַמאָלס פערלאַנגען פון דעם „ענטשפּרעכענדען ראַט" פיער זאַכען:

א. גענינענדע גאַראַנטיעס פאַר דער זיכערהייט פון די הייליגע ערטער.

ב. גענינענדע אָבהיטונג פון די אינטערעסען פון געוויסע(?) פרעמדע לענדער, וואָס ענגלאַנד איז איצט פעראַנטוואָרטליך דערפאַר.

ג. די נויטיגע איינאָרדנונגען פאַר דער סטראַטעגישער לאַגע אויף וויפיעל די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט וועט זיי געפינען פאַר נויטיג אין אָנבליק פון די אומשטענדען, וועלכע וועלען דאַמאָלס זיין.

ד. בעשיצונג פון די פערשידענע געמיינדעס אין לאַנד, ענטשפרעכענד די פערפליכטונגען פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט סיי לגבי די אַראַבער און סיי לגבי די אידען, און פון דער בעזונדערער פאָזיציע פון דער אידישער נאַציאָלער היים אין פאַלעסטינע".

אַט דער לעצטער פסוק פערלאַנגט אַ פירוש. אַז אין אַ „אומאָבהענגיגער פאַלעסטינער מדינה" וועלען זיין געמיינדעס, וועלכע וועלען זיך נויטיגען אין שוץ — וועגען דעם איז קיין פלוגתא נישטא. די קריסטליכע געמיינדעס, וועלכע געפינען איצטער שוץ אינם שאָטען פון דער געמיינזאַמער העצע געגען אידען — וועלען נאָך דער אומאָבהענגיגקייטס־אַדורכפירונג דעם דאָזיגען צווייפעלהאַפטען שוץ זיכער פערלירען. און עס וואָלט טאַקי אינטערעסאַנט געווען צו וויסען ווי אַזוי וועט די קריסטליכע רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט — נאָך איהר „אומאָבהענגיגקייט"־גאָב — איינאָרדנען די בעשיצונג פון די קליינע קריסטליכע געמיינדעס, וועלכע זיינען צעוואָרפען אין די שטעדט און דערפער פון לאַנד. דער גלענצענדער ביישפיעל פון דער אַסיריער־בעשיצונג אין איראַק, וואָס ענגלאַנד האָט עס זיי גאַראַנטירט נאָכן געבען איראַק אומאָבהענגיגקייט, איז שוין אפשר פערגעסען געוואָרען דורך דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט, אָבער עס איז אַ גרויסער ספק צי האָבען אויך די ארץ־ישראלדיגע קריסטען פערגעסען די אכזריותדיגע לעקציע פון אויסליפערען די עלטסטע קריסטליכע אומה אין די הענט פון זעלבסטשטענדיגן איראַק אויף אויסשעכטונג. עס איז אַ גרויסער ספק צי די קריסטליכע געמיינדעס אין ארץ־ישראל

וועלען זיך פערלאָזען אויף די פּאַפּירענע גאַראַנטיעס, וועלכע האָבען אַזוי ערפּאָלגרייך געשיצט זייערע אַסירישע ברידער — אַפילו ווען די גאַראַנטיעס וועלען האָבען אויף זיך אַ אונטערשריפט פון דעגירונג פון זיין מאַיעסטעט; וואָרום אויך די שוץ־גאַראַנטיעס פאַר די אַסיריער אין איראַק האָבען דאָך געהאַט אַזאַ אונטערשריפט...

און ממש ריהרענד איז די דאָפּלטע און טיפע זאָרג פונם ווייס־בוך פאַר דער בעשיצונג פון די אידען און פון „דער בעזונדערער פּאָזיציע פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע", ענטשפּרעכענד די פערפּליכטונגען פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט. וועלכע פערפּליכטונגען? צי מיינט דאָס ווייס־בוך די פערפּליכטונגען פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט „צו פערלייכטערען אַ אידישע עליה"— ערקלערט דאָך אָבער דאָס זעלבע ווייס־בוך, אַז די אידישע עליה וועט נאָך פינף יאָהר אינגאַנצען אָבגעשטעלט ווערען. אָדער אפשר איז דערמיט געמיינט די פערפּליכטונג „צו ערמוטיגען אַ קאָמפּאַקטע אידישע באָדען־קאָלאָניזירונג" — ערקלערט דאָך ווידער דאָס ווייס־בוך, אַז נאָך אין דער איבערגאַנגס־תקופה, בעת די גאַנצע מאַכט געפינט זיך אין די הענד פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט, וועלען די אידען אַראָבגעדריקט ווערען צו דער מדרגה פון רעכטלאָזע און מען וועט זיי נישט צולאָזען אין גאַנצע געביטען פון לאַנד, און אין אַנדערע געביטען וועט מען בעגרעניצען... זייער קאָלאָניזירונגס־רעכט. אָדער אפשר וויל די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט פערלאַנגען פאַר די אידען פולע גלייכבערעכטיגונג אין דער אומאָבהענגיגער פּאַלעסטינע — בשעת זי בערויבט זייערע רעכט אין דער מאַנדאַטאָרישער פּאַלעסטינע? פאַרוואָס איז די אומאָבהענגיגע פּאַלעסטינע מחויב צי געבען די אידען גלייכע רעכט — נאָך דעם בעלעהרענדען ביישפּיעל, וואָס זי בעקומט פון דער בריטישער מלוכה אין דער איבערגאַנגס־תקופה?

און וואָס איז עס פאַר אַ אויגען־בלענדעניש מיט די פּוסטע ווערטער וועגען דער „בעזונדערער פּאָזיציע פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע"?

יד

דאָס ווייס־בוך פון 1922 — אַזוי לערנט אונז דאָס נייע ווייס־בוך — האָט געגעבען אַ „קאָמפּעטענטע און ברייטע שילדערונג פונם כאַראַקטער פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים, און די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט ערקלערט איצט, אַז זי איז געטריי דעם „פּירוש" צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וועלכען עס גיט דאָס דערמאָנטע בוך.

אין יענעם בוך שטעהט געשריבען: „אויף וויפיעל דאָס איז נוגע די אידען אין ארץ־ישראל זעהט אויס, אַז געוויסע פון זיי האָבען מורא טאָמער איז די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט עלול אָבצוטרעטען פון דער פּאָליטיק וועלכע איז ענטהאַלטען אין דער דעקלאַראַציע פון 1917 (באַלפור־דעקלאַראַציע). עס איז דעריבער נויטיג ווידער־אַ־מאָל צו בעשטעטיגען, אז די מורא׳ס זיינען אונבעגרינדעטע, און אַז די דעקלאַראַציע, וועלכע איז איין מאָל בעשטעטיגט געוואָרען אויף דער קאָנפערענץ פון די פערבינדעטע הויפּט־מלוכות אין סאַן־רעמאָ, און אַ צווייט מאָל — אינם סעוורער אָבמאַך, אונטערליגט נישט קיין ענדערונגען — — — פאַר דער רעאַליזירונג פון דער דאָזיגער פּאָליטיק איז נויטיג, אַז דער אידישער ישוב זאָל קאָנען פערגרעסערען זיין צאָהל דורך עליה". דאָס נייע ווייס־בוך, וואָס איז „טריי" דעם פירוש פון 1922, פּראָקלאַמירט און ערקלערט אין פונקט 15, אַז „די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט איז איבערצייגט, אַז נאָך דעם ווי עס וועט צושטאַנדקומען די עליה, וואָס זי האָט בדעה צו ערלויבען במשך די פינף יאָהר, וועט זי נישט זיין בערעכטיגט און זי וועט אויך נישט האָבען קיין פליכט צו פערגרינגערען די שאַפונג פון דער נאַציאָנאַלער היים דורך אַ ווייטערדיגער עליה". אַזוי טייטשט דאָס נייע ווייס־בוך די הבטחה פון אַלטען, אַז „די באַלפור־דעקלאַראַציע אונטערליגט נישט קיין ענדערונגען". צי מיינען טאַקי די מחברים פונם ווייס־בוך, אַז די אידען, וועלכע האָבען דאָך געלייענט ביידע ווייסע ביכער, וועלען זיך פערלאָזען אויף דער „בעשיצונג פון דער בעזונדערער פּאָזיציע פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים", וואָס עס וועלען רעגולירען צווישען זיך די פערטרעטער פון

דער „אומאָבהענגיגער פּאַלעסטינע" מיט די פערטרעטער פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט — אין אַ ענטשפּרעכענדען ראַט?...

וואָס איז דאָס פאַר אַ מיסטעריעזע „בעזונדערע פּאָזיציע", וואָס עס וועט בעקומען די פערקריפּעלטע „נאַציאָנאַלע היים"? די „נאַציאָנאַלע היים" וועט זיין אָבגעריסען פון גאַנצען אידישען פּאָלק. קיין איין איד, מעג זיין אַ קינד אָדער אַ פאָטער פון אַ אידישען בירגער אין ארץ־ישראל, וועט נישט טאָרען קומען אין לאַנד אַריין, — אויב ער וועט צופעליג זיין איבער דער מאָס פונם סדום־„דריטעל", וועלכען עס האָט איצט בעשטימט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט — די געטרייע צו פריהערדיגע פערפּליכטונגען. סיידען עס וועלען אין פינף יאָהר אַרום ווידער פאָרקומען אומרוהען אויף אידען אין ארץ־ישראל און דער „דריטעל" וועט פערלירען עטליכע הונדערט אָדער עטליכע טויזענד אידען — אפשר וועט דאַן די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט געפינען אַ היתר אַריינצולאָזען עטליכע אידען. ווערט דען דאָס געמיינט מיט דער בעשיצונג פון דער „בעזונדערער פּאָזיציע"?

טו

אויב דאָס קאַפּיטעל וועגען דער „קאָנסטיטוציע" איז אינגאַנצען אונקלאָר, פערנעבעלט און לאָזט זיך פערשידען און פילדייטיג טייטשען און ערקלערען — איז דערפאַר דאָס קאַפּיטעל וועגען עליה קלאָר, שאַרף און זעהר פּרעציז. די מחברים זיינען, אמת, מאריך אין אויפקלערונגען, פּילפּולים און פירושים, בענוצענדיג דערצו דעם גאַנצען טאַלאַנט פון זייער „געטריישאַפט", אָבער דעם תמצית פון אָט דעם קאַפּיטעל קען מען רעזיומירען אין איין קורצען זאַץ: „אין פערלויף פון די נאָהנטע פינף יאָהר וועט די אידישע עליה — פאָרקומען אין אַזאַ מאָס, וואָס וועט דערפיהרען דעם אידישען ישוב צו אַ דריטעל, אונגעפעהר, פון דער גאַנצער בעפעלקערונג אין לאַנד". לויט די מחברים'ס חשבון קומט אויס, אַז דערצו איז נויטיג צו ערלויבען אַ עליה פון נאָך 75.000 נפשות, אונגעפעהר. „נ אָ ך ד י פ י נ ף י אָ ה ר וו ע ט מ ע ה ר נ י ש ט ע ר ל וי ב ט וו ע ר ע ן ק יי ן א י ד י ש ע ע ל י ה, ס יי ד ע ן ד י פּ אַ ל ע ס ט י נ י ש ע אַ ר אַ ב ע ר וו ע ל ע ן ז יי ן ג ר יי ט ד ע ר צ ו מ ס כ י ם צ ו ז יי ן".

די דערמאָנטע עליה וועט, לויטן ווייס־בוך, אַריינגעלאָזט ווערען אויף פאָלגענדען אופן:

יעדעס יאָהר פון די נאָהנטע פינף, אָנהויבענדיג פון אַפּריל היי־יאָהר, וועט ערלויבט ווערען אַ קוואָטע פון 10.000 נפשות, אויב די עקאָנאָמישע אויפנעהם־מעגליכקייט וועט עס דערלויבען. אויב מען וועט אין אַ געוויס יאָהר עפּעס אַראָבנעהמען פון דער קוואָטע, וועט מען עס צוגעבען צו די קוואָטעס פון די שפּעטערדיגע יאָהרען, אין דער פינף־יאָהר־תקופה, אויב די עקאָנאָמישע אויפנעהם־מעגליכקייט וועט עס דערלויבען.

די רעגירונג וועט אויפהאַלטען דעם עקזיסטירענדען אַפּאַראַט פאַר דער פעסטשטעלונג פון דער עקאָנאָמישער אויפנעהם־מעגליכקייט, און ביים נציב העליון וועט ווייטער פערבלייבען די ענדגילטיגע אחריות צו בעשליסען מכוח די גרעניצען פון דער אויפנעהם־מעגליכקייט. די קוואָטע פון 10.000 אַ יאָהר איז, הייסט עס, אַ מאַקסימום, אָבער זי איז נישט פערפליכטענד פאַרן נציב. ער איז אויך נישט פערפליכטעט צוצוגעבען אין אַנ'אַנדער יאָהר דאָס וואָס איז געמינערט געוואָרען אין אַ פריהערדיגס, סיידען ער וועט איינזעהן, אַז די אויפנעהם־מעגליכקייט דערלויבט עס. אויב במשך די פינף יאָהר וועלען אַריין אין לאַנד בלויז צעהן טויזענד אָדער צוואַנציג טויזענד אידען — לויט דער אויפנעהם־מעגליכקייט, וואָס דער נציב וועט פעסטשטעלען — קאָן מען נישט צוגעבען די איבעריגע נאָך די פינף יאָהר.

„איידער עס וועט בעשלאָסען ווערען, פון צייט צו צייט, מכוח דער אויפנעהם־מעגליכקייט, וועט די רעגירונג זיך מיישב זיין מיט אידישע און אַראַבישע פאָרשטעהער".

לויטן מאַנדאַט איז די רעגירונג פערפליכטעט זיך מיישב צו זיין מיט דער אידישער אַגענץ, אָבער דאָס ווייס־בוך ווייסט נישט וועגען דער עקזיסטענץ פון אָט דער פערטרעטערשאַפט פונם אידישען פאָלק, וועלכע איז אָפיציעל אָנערקענט אין פונקט 4 פון מאַנדאַט. דאַגעגען וועט אינם נציב'ס עצה־פרעגען בעטייליגט ווערען אַנ'אַראַבישע „פערטרעטערשאַפט" — נאָר דאָס ווייס־בוך זאָגט נישט דערביי ווער וועט וועהלען

די דאָזיגע פּערטרעטערשאַפט. לויטן „זעלבסט־פּערוואַלטונגס״־גייסט, וואָס שוועבט איבן דעם דאָקומענט, מעג מען משער זיין, אַז די „פּערטרעטער־שאַפט״, סיי די אידישע און סיי די אַראַבישע, וועט ב ע ש ט י מ ט ווערען דורך דער רעגירונג, יעדענפאַלס די ערשטע יאָהרען, איידער די עפענט־ליכע מיינונג וועט זיך אַרויסזאָגען פאַר דער נויטיגקייט צו שאַפען אַ געוועהלטען לעגיסלאַטיווען ראַט.

די מחברים פונם ווייס־בוך האָבען, ווייזט אויס, דערשפּירט, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט נישט שלום־מאַכען מיט דער סדום־גזרה אויף דער עליה, און זיי האָבען משער געווען, אַז אויסער די „ערלויבטע״ עולים וועלען אידען קומען קיין ארץ־ישראל אויך אָהן דער רעגירונגס־ער־לויבניש. די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט ווייסט, וואַהרשיינליך, אַז די אידען־נויט איז שטאַרקער פון איהרע גזרות, און אַז די עליה־בעדערפ־נישען זיינען גרעסער פון איהר ווילקירליכער קוואָטע. זי ווייסט אויך, אַז אין געוויסע פאַלען איז אונמעגליך אַרויסצושיקען „אונלעגאַלע עולים״, — דערקלערט זי דעריבער שטרענג: „די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָט פעסט בעשלאָסען אָבצוהאַלטען די אונלעגאַלע עליה, און די מאַכט־אָרגאַנען נעהמען־אָן ווייטערדיגע אָבהאַלטונגס־מיטלען. די צאָהל פון די אַלע אונלעגאַלע עולים, וואָס עס וועט זיי געלינגען אַריינצוקומען אין לאַנד, טראָץ די דאָזיגע מיטלען, און וועלכע עס וועט אונמעגליך זיין אַרויסצושיקען וועט אַראָבגערעכענט ווערען פ ו ן די י ע ה ר ל י כ ע ק ו ו אָ ט ע ס״.

אַזוי וועט די רעגירונג פון גרויס־בריטאַניע אָבשליסען איהרע פערפליכטונגען לגבי דעם אידישען פאָלק. מען דאַרף אָבער וויסען, אַז דאָס איז אַ רחמים׳דיגע רעגיערונג, וועלכע וועט נישט פערשטיינערען לחלוטין איהר הארץ בנוגע די אידישע צרות, — לעגט זי טאָקי צו אַ אומזיסטע מתנה ביים סילוק׳ען איהרע מאַנדאַטאַרישע חשבונות. זי מעל־דעט, אַז אויסער די יעהרלכע קוואָטע במשך דער פינף־יאָהר־תקופה, וועט זי אַלס ביישטייערונג צ ו ם ל ע ז ע ן ד אָ ס פּ ר אָ ב ל ע ם פ ו ן א י ד י ש ע פ ל י ט י ם, אַריינלאָזען 25.000 פליטים ב אַ ל ד ו ו י ד ע ר נ צ י ב ה ע ל י ו ן וועט זיך איבערצייגען, אַז עס פאַר זיי געזיכערט גענינענדע

אויסהאַלטונג, בעזונדערס וועט מען זיך רעכענען מיט קינדער פון די פּליטים און מיט אַזעלכע, וואָס זייער אויסהאַלטונג „הענגט אָב" פון אַנדערע".

די צאָהל פון אָט די פינף און צוואַנציג טויזענד עולים, וועלכע ווערען נישט פעררעכענט אויפן חשבון פון מאַנדאַט — ווי עס קומט אויס לויט דער פאָרמולירונג פונם ווייס־בוך — וועט נישט אַראָבגערעכענט ווערען אויב עס וועלען אַפילו קומען אין לאַנד אַריין, חלילה, אויך „אומ־לעגאַלע" פליטים.

טז.

ווי עס פּאַסט פאַר אַ קולטורעלער און טריישאַפט־היטענדער רעגי־רונג ערקלערט נישט די מאַנדאַט־רעגירונג פּשוט און סתם, אַז מיטן כוח פון איהר מאַכט שטעלט זי אָב די אידישע עליה קיין ארץ־ישראל, ווייל דאָס פערלאַנגען, לויט איהר מיינונג, איהרע אינטערעסען אין איצטיגען מאָמענט, — ניין, זי קלערט־אויף און מאָטיווירט די גזרה מיט שכל און פערשטאַנד, ווי אַ ריכטער, וואָס פאַר איהם עקזיסטירען נישט קיין זייטיגע פּניות און זעלבסט־אינטערעס, נאָר זיין שטאַרקסטער ווילען איז — רעכט און גערעכטיגקייט, וועלכע שטעהען העכער פון אַלעס. איבער צוויי זייטען זיינען געווידמעט אָט דער דינער מלאכה אינם קאַפּיטעל וועגען עליה.

די מחברים פונם ווייס־בוך ווייסען, אַז דער מאַנדאַט פערפּליכטעט „צו פערלייכטערען די אידישע עליה דורך פּאַסיגע בעדינגונגען", אָבער זי גיבען באַלד צו, אַז „אויסער דעם איז אין מאַנדאַט נישט אָנגעצייכענט געוואָרען אין ערגיץ די צ אָ ה ל אידישע עולים, וועלכע מען זאָל ערלויבען אַריינקומען אין לאַנד". על פּי שכל הישר דרינגט דערפון, אַז ד ע ר מ אַ נ־ד אַ ט ב ע ג ר ע נ י צ ט אַ ב ס אָ ל ו ט נ י ש ט ד י א י ד י ש ע ע ל י ה און די מאַנדאַט־רעגיערונג האָט נישט קיין רעכט זי צו בעגרעניצען, זי איז בלויז מ ח ו י ב ז י צ ו פ ע ר ל ײ כ ט ע ר ע ן, דאָס הייסט, אַז בלויז מיטן ע ר ל ו י ב ע ן די עליה ערפילט זי נישט איהר פליכט, נאָר זי דאַרף טהון אַזעלכע מעשים, וועלכע זאָלן די עליה פערלייכטערען. דאָס לאָזט זיך

גאַנץ קלאָר אַרויסגעהמען אויך פון פונקט 2 אינם מאַנדאַט, וועלכער פער־פליכטעט די רעגירונג אַוועקצושטעלען דאָס לאַנד אין אַזעלכע פּאָליטישע, אַדמיניסטראַטיווע און עקאָנאָמישע בעדינגונגען, וועלכע זאָלען זיכערען די שאַפונג פון דער נאַציאָנאַלער היים, ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אין דער הקדמה, ד. ה. אויפן יסוד פון דעם, וואָס די אידען בויען ווידער אויף זייער נאַציאָנאַלע היים אין זייער אַלט פּאַטערלאַנד. די „נאַציאָנאַלע היים" איז נישט קיין נייע ערפינדונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע נאָר אַן אַן'אוראַלטער יסוד, וועלכער איז ווידער בעשטיטיגט געוואָרען, — די אידען קעהרען זיך אום אין זייער לאַנד אַריין און זיי שאַפען דאָרט ווידער דאָס, וואָס זיי האָבען שוין אַמאָל דאָרט געהאַט. אַזאַ איז דער בפירושער נוסח און דאָס איז די קלאָרע כוונה פונם מאַנדאַט. און וויבאַלד אַזוי, איז דער אומקעהר פון די אידען קיין ארץ־ישראל נישט בעגרעניצט דורך קיין שום זאַך, — די מאַנדאַט־רעגירונג דאַרף בלויז זאָרגען דערפאַר, אַז די עליה זאָל נישט ברענגען קיין שאָדען די איבעריגע איינוואוינער פון לאַנד. אין דעם זעלבען פונקט, וואו די רעגירונג ווערט פערפליכטעט צו פערלייכטערען די אידישע עליה, ווערט געזאָגט: אָבּ־היטענדיג די רעכט און די פּאָזיציע פון די איבעריגע טיילען פון די איינוואוינער".

די פאָרמולירער פונם מאַנדאַט און פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָבען געוואוסט, אַז ארץ־ישראל איז נישט אינגאַנצען פוסט, און זיי האָבען גענומען אויף זיך צו שיצען די ציווילע און רעליגיעזע רעכט פון אַלע געמיינדעס אין לאַנד.

אמת, אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ האָט דער פערטרעטער פון דער רעגירונג געפרוווט טענה'ן, אַז די פאָרמולירער פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָבען בכלל נישט געוואוסט וועגען דער עקזיסטענץ פון די אַראַבער אין לאַנד, און זיי האָבען אַרויסגעגעבען די דעקלאַראַציע אויפן גרונד פון אַ פאַקטישען טעות, דעריבער ווערט די דעקלאַראַציע פסול נאָכדעם, ווי דער טעות איז אויפגעקלערט געוואָרען, — אָבער אויף דער זעלבער קאָנפערענץ האָט דער זעלבער פערטרעטער געמוזט אָנערקענען אַז די אידישע שליחים האָבען דערוויזען די גרונדלאָזיגקייט פון דער

טענה, ווייל דער בריטישער קאַבינעט, וועלכער האָט פאָרמולירט די דעקלאַראַציע, האָט געהאַט פאַר זיך אַ פולע און אויספיהרליכע שילדערונג פון דעם בעפעלקערונגס־צוזאַמענשטעל אין ארץ־ישראל. די פאָרמולירער פון דער דעקלאַראַציע, און דערנאָך די מאַנדאַט־פאָרמולירער, האָבען אין יענעם מאָמענט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די מעהרהייט פון דער ארץ־ישראל־דיגער בעפעלקערונג בעשטעהט פון אַראַבער — און פונדעסטוועגען האָבען זיי גענומען אויף זיך מיטצוהעלפען דער שאַפונג פון דער נאַציאָנאַלער היים פון א י ד י ש ע ן פ אָ ל ק. דאָס האָבען זיי געקענט טון נאָר אויפן גרונד פון צוויי הנחות:

ערשטענס: טראָץ דעם, וואָס דאָס לאַנד איז נישט אונבעפעלקערט האָט עס אַ פריי אָרט פאַר אַ אידישער עליה און אַ מעגליכקייט צו שאַפען אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן אידישען פאָלק.

צווייטענס: דאָס אידישע פאָלק איז נישט פרעמד צו ארץ־ישראל, אדרבה, עס איז דערמיט היסטאָריש פערבונדען און עס איז פאַר איהם נויטוועגדיג אומצוקעהרען זיך און ווידער צו שאַפען זיין נאַציאָנאַלע היים אין דעם דאָזיגען לאַנד.

די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט דעריבער אָנגעהויבען מיט „אַ ס י מ־ פ אַ ט י ע־פ ר אָ ק ל אַ מ י ר ו נ ג מ צ ד ד ע ר ר ע ג י ר ו נ ג פ ו ן ז י י ן מ אַ י ע ס ט ע ט צ ו ד י צ י ו נ י ס ט י ש ע א י ד י ש ע ש ט ר ע ב ו נ ג ע ן“. און דער מאַנדאַט האָט אין זיין הקדמה פעסטגעשטעלט, אַז אין דער דאָזיגער דעקלאַראַציע זיינען אָנערקענט געוואָרען סיי די היסטאָרישע פערבינדונג פונם אידישען פאָלק מיט ארץ־ישראל און סיי די אומשטענדען (grounds) צוליב וועלכע מען דאַרף ווידער שאַפען די נאַציאָנאַלע היים אין אָט דעם לאַנד.

די דאָזיגע אומשטענדען, — וועלכע זיינען, אמת, נישט אָנגערופען געוואָרען ביים נאָמען, — ווען מען ג י ט ז י י צ ו צו דער היסטאָרישער פערבינדונג, קאָן מען פערשטעהן נאָר אַלס אומשטענדען, וועלכע שטויסען די אידען זיך צו קאָנצענטרירען אין זייער לאַנד — דאָס הייסט, די אידען־נויט און דער ווילען צו לעבען אַלס פריי פאָלק אין אייגענעם פאָטערלאַנד.

איין זאַך איז זיכער קלאָר און אויסער יעדען צווייפעל: די באַלפור־

דעקלאַראַציע און דער מאַנדאַט האָבען נישט געמיינט די אידען אין ארץ־ישראל, נאָר דאָס אידישע פאָלק אין דער וועלט, און די נאַציאָנאַלע היים בעדייט נישט דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל, נאָר — די אידען דאַרפען און קענען קומען אין לאַנד אַריין. דער מאַנדאַט האָט נישט בלויז ערלויבט די אידישע עליה נאָר ער האָט פערפליכטעט די מאַנדאַט־רעגירונג, זי זאָל דידאָזיגע עליה פערלייכטערען דורך דער שאַפונג פון אַזעלכע פאָליטישע, אַדמיניסטראַטיווע און עקאָנאָמישע בעדינגונגען, וועלכע זאָלען זיכערען די שאַפונג פון דער נאַציאָנאַלער היים — דאָס הייסט, די אידישע עליה און קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. אין דער הינזיכט איז גערעכט דאָס ווייס־בוך, אַז אין מאַנדאַט זיינען אין ערגיץ נישט אָנגעצייכענט קיין גרעניצען פאַר דער צאָהל און מאָס פון דער אידישער עליה — קיין שום פאָליטיש־קינסטליכע און ווילקירליכע בעגרעניצונג קאָן מען דעריבער נישט אָנטשעפען אין די מאַנדאַט־פונקטען.

יז

נויטיגענדיג זיך אין אַ מעהר־וועניגער צופרידענשטעלענדער מאָטיווירונג פון דער עליה־דערשטיקונג זיינען די מחברים פונם ווייס־בוך געצוואונגען צו זוכען א בערעכטיגונג פאַר זייער שיטה מחוץ פון מאַנדאַט. טשערטשילס ווייס־בוך פון 1922, וואָס איז ערשינען איידער דער מאַנדאַט איז בעשטעטיגט געוואָרען, ווערט דאָ נאָך אַ מאָל ציטירט — אָבער יענעס ווייס־בוך האָט בלויז פעסטגעשטעלט, אַז „עס איז וויכטיג צו זיכערען, אַז די עליה זאָל נישט פאַלען צו לאַסט דער אַלגעמיינער ארץ־ישראלדיגער בעפעלקערונג און אַז די עולים זאָלען נישט אַוועקנעהמען די פרנסה ביי קיין שום טייל פון די פערהאַנענע איינוואוינער". דאָס איז די איינציגע בעגרעניצונג פאַר דער אידישער עליה, — אָט די בעגרעניצונג איז בעקאַנט אונטערן נאָמען: דער פרינציפּ פון דער עקאָנאָמישער אויפנעהם־מעגליכקייט.

לויט דער בקשה פון דער ענגלישער רעגירונג האָט דער ראַט פון

פעלקער־בונד בעשלאָסען, אין 1930, „אַז די אידישע עליה וועט דערלויבט ווערען לויט דער עקאָנאָמישער אויפנעהם־פעהיגקייט פון לאַנד״. און אינם בריעף פונם פרעמיער צו דר. ווייצמאַן, אין 1931, איז בפירוש געזאַגט געוואָרען, אַז די עקאָנאָמישע אויפנעהם־פעהיגקייט איז דער איינציגער מאַסשטאַב ביים בעשטימען די הויך פון דער עליה. די מחברים פונם ווייס־בוך קאָנען, פערשטעהט זיך, נישט פערלייקענען די דאָזיגע דאָקומענטען — כאָטש דעם בעשלוס פונם ראַט פון פעלקער־בונד שרייבען זיי צו, צוליב אומפערשטענדליכע טעמים, דער מאַנדאַטען־קאָמיסיע — אָבער די אויסטייטש־פעהיגקייט פון די מחברים האָט באמת קיין שיעור נישט. נאָך דעם ווי זיי אַליין ווייזען אָן אויף די דאָקומענטען, וועלכע פערפליכטען די עליה־אָרדנונג לויט דער עקאָנאָמישער אויפנעהם־מעגליכקייט פון לאַנד, גיבען זיי צו: „כאָטש די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האַלט נישט, אַז פונם ווייס־בוך פון 1922 ווי אויך פונם בריעף פון 1931, זאָל כלומרשט אַרויסדרינגען, אַז דער מאַנדאַט פערפליכטעט זי אויף אייביגע צייטען צו פערלייכטערען אַ אידישער עליה קיין ארץ־ישראל, ביי אַלע אומשטענדען, רעכענענדיג זיך בלויז מיטן מאָטיוו פון דער עקאָנאָמישער אויפנעהם־מעגליכקייט פון לאַנד״.

מיר האָבען פאַר זיך ווידער דאָס כיטרע שפּיצעל מיט׳ן בעגריף „לעולם ועד״, וואָס מיר האָבען שוין געפונען אינם קאַפּיטעל וועגען דער קאָנסטיטוציע. דער דאָזיגער קונץ חזרט זיך איבער נאָך אַ צווייט מאָל, „אזוי געפינט זי אויך נישט, נישט אינם מאַנדאַט און נישט אין די שפּעטער פערעפענטליכטע אויפקלערונגען, קיין שום זאַך, וואָס זאָל קענען אונטער־האַלטען די מיינונג, אַז די גרינדונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אין לאַנד קען נישט רעאליזירט ווערען נאָר סיידען מען וועט ערלויבען די אידישע עליה זאָל זיך ציהען אונענדליך״. פערענטפערט דען נישט דער פּרינציפּ פון עקאָנאָמישער אויפנעהם־מעגליכקייט די דאָזיגע „אונענדליכ־קייטס״־פראַגע? צי מיינען דען באמת די מחברים פונם ווייס־בוך, אַז דער מאַנדאַט וועט ביי זיי פערבלייבען אונענדליך — לעולם ועד? זיי האָבען דאָך אליין געזאָגט, אַז דער מאנדאַט וועט זיך ווען־עס־איז ענדיגען — און די מאַנדאַטאָרין דאַרף דאָך אָבהיטען איהר פליכט נאָר כל זמן דער מאַנדאַט איז גילטיג.

די מעשה איז אָבער, וואָס די דאָזיגע מחברים זעלבסט ווייסעז, אַז נישט דאָס איז זייער הויפּט־מאָטיוו, און זיי לאָזען זיך ביסלעכווייז אַריין אין דער פּאָליטישער אויפקלערונג, וועלכע בילדעט דעם יסוד פון דער נייער פּאָליטיק.

יח.

„כאָטש ס'איז נישט שווער צו טענה'ן, אַז די גרויסע צאָהל אידישע עולים, וואָס מען האָט זיי ביז איצט ערלויבט קומען אין לאַנד אַריין, האָט זיך איינגעאָרדענט אין עקאָנאָמישער הינזיכט, — האָט אָבער דער פּחד פון די אַראַבער, אַז דער עליה־שטראָם וועט זיך ציהען אונענדליך ביז די אידישע בעפעלקערונג וועט דערגרייכען צו אַ מצב, ווען זי וועט זיי קענען בעהערשען, דערפיהרט צו רעזולטאַטען, וועלכע זיינען זעהר שווערע סיי פאַר די אידען און סיי פאַר די אַראַבער".

די רייד האָט מען געהערט אויך בעת די לאָנדאָנער געשפּרעכען, אָבער ווען מען האָט געפרעגט די רעגירונג: און וואָס איז מכוח דעם פּחד פון די אידען, טאָמער וועלען די אַראַבער זיי בעהערשען? — האָט מען קיין תשובה נישט בעקומען, כאָטש דער ויכוח אין לאָנדאָן איז, לויט דער עדות פונם ווייס־בוך, געווען א „פולער, פרייער און אָפענהערציגער". די פראַגע בעקומט נישט קיין תשובה אויך אין ווייס־בוך.

אין וואָס־זשע האָט זיך אויסגעדריקט „דער פּחד פון די אַראַבער"? אפשר זיינען זיי ענטלאָפען פון ארץ־ישראל? ניין! אין דער תקופה פון עליה לויט עקאָנאָמישער אויפנעהם־מעגליכקייט איז די צאָהל אַראַבער אין ארץ־ישראל נישט קלענער געוואָרען נאָר געשטיגען, און געשטיגען אין אַזאַ מאָס, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען נישט אין קיין שום אַנדער אַראַביש לאַנד. נאָך מער: אַראַבער פון די שכנותדיגע לענדער, וועלכע געניסען פון „אומאָבהענגיגקייט" און וואו עס איז נישטאָ קיין „סכנה" פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים — האָבען פערלאָזט זייערע אומאָבהענגיגע לענדער און זיינען געקומען זיך בעזעצען אין ארץ־ישראל. אין וואָס־זשע האָט זיך פאָרט אויסגעדריקט דער פּחד? דאָס

מאָל גיט דאָס ווייס־בוך אַ תשובה אויף דער פראַגע: „די טרויעריגע געשעהענישען במשך די לעצטע דריי יאָהר" — ד. ה. דער טעראָר און די שעדיגונגס־מעשים — געגען אַראַבער, אידען און ענגלענדער — וועלכע זיינען דורך עמיצען אָרגאַניזירט געוואָרען אין ארץ־ישראל. דאָס ווייס־בוך האָט, נאַטירליך, ווערטער „צו פעראורטיילען אַבסאָלוט די שיטות, וועלכע די אַראַבישע טעראָריסטען האָבען אָנגענומען געגען זייערע פאָלקס ברידער די אַראַבער און געגען די אידען גלייכצייטיג". מען דאַרף דאָ דערמאָנען צום גוטען די מחברים פונם ווייס־בוך, וואָס וועניגסטענס אין דעם פונקט האָבען זיי געזאָגט דעם גאַנצען אמת — אַז דער טעראָר איז געווען געווענדעט נישט בלויז געגען אידען נאָר אויך און קודם כל „געגען זייערע פאָלקסברידער די אַראַבער". אָבער פאַרוואָס האָבען די בלי־ספק קלוגע מחברים פונם ווייס־בוך זיך נישט געשטעלט די פראַגע: צו־וואָס איז נויטיג געווען טעראָר געגען אַראַבער — אויב דער טעראָר איז אַ אויסדרוק פונם אַראַבישען פחד פאַר די אידען? אויף וואָס פאַר־אַ יסוד שטעלען זיי פעסט, אַז „אָט דער פחד האָט אַרויסגערופען די אונרוהען"? פאַרוואָס איז ערמאָרדעט געוואָרען דער בירגערמייסטער פון חברון — וואו עס זיינען כמעט נישטאָ קיין אידען — אויב די סיבה פון די אונרוהען איז דער פחד פאַר די אידען? און פאַרוואָס זיינען ערמאָרדעט געוואָרען אַנדערע אַראַבישע פיהרער — אין יפו, שכם, זשענין, טול־כרם און אין צעהנדליגער אַראַבישע דערפער — כאָטש דאָרטען זיינען דאָך קיין אידען אינגאַנצען נישט בנמצא?

צי וואָלט נישט געווען ריכטיג צו געפינען דעם מקור פונם טעראָר אין דער עקזיסטענץ פון אַ כנופיה, וועלכע וויל בעהערשען דאָס לאַנד, — די אידען און די אַראַבער צוזאַמען, — אין געגענזאַץ צום ווילען פון דער בעפעלקערונג, און די דאָזיגע כנופיה בענוצט זיך צו איהרע בעהערשונגס־ציעלען מיט טעראָר־מיטלען? צי קען נישט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט די כוחות, וועלכע געפינען זיך אויסער ארץ־ישראל און אויסער דער אַראַבישער וועלט, — די כוחות, וועלכע זיינען פיינדליך צו דער בריטישער אימפעריע נישט ווייניגער ווי צום אידישען פאָלק, און זיי זיינען עס די אונטערהאַלטער פון די פערצויגענע אונרוהען אין ארץ־ישראל?

„די אונרוהען — קלאָגט דאָס ווייס־בוך — האָבען אין זעהר אַ גרויסער מאָס צוריקגעשטופּט דעם פאָרטשריט פון לאַנד, זיי האָבען ער־שיטערט די לעבענס־און פערמעגענס־זיכערהייט און האָבען געשאַפען אַ פערביטערונג צווישען אַראַבער און אידען, וואָס עס איז זעהר אַ טרוי־עריגער פאַקט צווישען בירגער פון איין לאַנד". אָבער ווי משונהדיג איז דער אויספיהר פון דעם אָנווייזען אויף די דאָזיגע פאַקטען. דער אויספיהר איז נישט — ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען — אַ סוף מאַכען צום טעראָר און שטיצען דעם רוהיגען, פרידען־ליבענדען ישוב, וועלכער היט די געזעצען און איז מסוגל ווייטער צו פיהרען די ענטוויקלונג פונם לאַנד און צו בעפעסטיגען די לעבענס־־און פערמעגענס־זיכערהייט, — ניין, דער אויספיהר איז: אַ פּ ר ע מ י ע די שטערער — דערשטיקען די אידישע עליה.

יט

נאָכן „ערלעדיגען" די עליה קומט די רייהע פון ב אָ ד ע ן. דאָס קאַפּיטעל וועגען באָדען איז זעהר קורץ, עס ענטהאַלט בלויז צוויי פונקטען. אָבער אָט דאָס קורצע קאַפּיטעל איז דאָס סאַמע גיפטיגסטע אינם ווייס־בוך. אין דעם קאַפּיטעל וועגען עליה ווערט אַ ר יי נ ג ע ש ט ע ק ט אַ מ ע ס ע ר אי ן ר ו ק ע ן פ ו ן א י ד י ש ע ן פ אָ ל ק, אָבער די אידען פון ארץ־ישראל, — נישט אַלס אידען און זיהן פון זייער פאָלק, נאָר ווענינגסטענס אַלס ארץ־־ישראלדיגע בירגער, ווי אביסיניער, גריכען, אַרמענער און פער־שידענע אַנדערע פעלקער־אָנגעהעריגע אין לאַנד — געשעהט נישט קיין שלעכטס. דערפאַר אָבער איז דאָס קורצע קאַפּיטעל וועגען באָדען אַזאַ, וואָס נישט בלויז עס בערויבט דאָס רעכט פון דעם איינציג באָדענ־לאָזען פאָלק אין דער וועלט זיך צו בעזעצען אין דער „נאַציאָנאַלער היים", — נאָר עס שטעלט אַוועק די ארץ־ישראלדיגע אידען אין אַ פּאָזיציע פון אונטערטאַנען, וועלכע האָבען נישט קיין גלייכע בירגער־רעכט, און אויף וועלכע עס ווערט אָנגעקלעבט אַ צייכען פון מצורעים, וואָס מען דאַרף די אַראַבישע בירגער פון לאַנד שיצען פאַר זיי, און דעריבער דאַרף מען זיי איינשליסען אין בעשטימטע געביטען אָדער אין איין בעשטימטען

געביט, דערביי דאַרף מען אויך גיין דעם דאָזיגען געביט בעגרעניצען זייער בעוועגונגס־פרייהייט אויסער די שטעדט.

ווי אַזוי דאָס וועט געטוי געמאַכט ווערען — דערצעהלט נישט דאָס ווייס־בוך, אָבער פון די לאַנדאָנער געשפּרעכען און גאַנץ גוט בעקאַנט די רעגירונגס־טענדענץ, און אינם ווייס־בוך ווערען געגעבען דעם נציב „אַלגעמיינע קאָמפּעטענצען צו פּ ע ב אַ ט ע ן א ו ן ר ע ג ו ל י ר ע ן באַדען־איבערפיהרונגען, די דאָזיגע קאָמפּעטענצען וועלען זיין גילטיג פונם מאָמענט, ווען עס וועט פערעפענטליכט ווערען אָט די ערקלערונג וועגען דער פּאָליטיק, און דער נציב העליון וועט זיי בעזיצען ב מ ש ך ד ע ר גאַנצער איבערגאַנגס־תקופה״.

בשעת די לאַנדאָנער געשפּרעכען האָט אונז די רעגירונג געמאָלדען, אַז זי האָט בדעה צו בעשטימען דריי קאַטעגאָריעס פון געביטען אין לאַנד. בנוגע באַדען־איבערפיהרונג: איין קאַטעגאָריע — וועט זיין אינגאַנצען אונצוטריטליך פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע אין דער צווייטער קאַטע־גאָריע — וועט באַדען־איבערפיהרונג צו אידען זיין בעגרעניצט ענט־שפּרעכענד די פאָרשלאָגען פון דער קעניגליכער קאָמיסיע און פון דער וואודהעד־קאָמיסיע אין דער דריטער קאַטעגאָריע — וועט די באַדען־איבערפיהרונג זיין פריי.

דער ענטאייגנונגס־בלבול איז צום ערשטען מאָל געהערט געוואָרען אין דער שאו־קאָמיסיע נאָך די פּאָגראָמען פון 1929. דער בלבול איז דערנאָך אונטערזוכט געוואָרען דורך ענגלישע אויספאָרשער — און ער איז אָבגעלייקענט געוואָרען. די פערטרעטער פון דער אַגענץ האָבען שוין געטענה׳ט פאַר דער קעניגליכער קאָמיסיע, אַז די אידען זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל נישט כדי צו פערבעסערען דעם מצב פון די אַראַבער, נאָר צו בויען דאָ פאַר זיך די נאַציאָנאַלע היים. די אידישע קאָלאָניזאַציע איז נישט קיין מיטעל פאַר עפּעס אַ דרויסענדיגען ציעל, — זי איז אַ ציעל פאַר זיך זעלבסט: זי דאַרף לעזען די פראַגע פונם אידישען פאָלק, זי דאַרף ווידער בעהעפטען דאָס אידישע פאָלק מיט זיין אַלטער היימאַט. אָבער דער כאַראַקטער פון דער אידישער עליה און פון דער אידישער קאָלאָני־זאַציע, דער עצם מהות פנם אידישען שאַפונגס־ווערק, — זיי ברענגען

דערצו, אַז דאָס גאַנצע לאַנד און אַלע איינוואוינער פון לאַנד געניסען פון זייערע רעזולטאַטען. די קעניגליכע קאָמיסיע האָט אונטערזוכט די טענה און זי איז געקומען צום אויספיהר, אַז די אידישע קאָלאָניזאַציע איז גע־וואָרען אַ ברכה פאַר אַלע איינוואוינער פון לאַנד און זי האָט מיטגע־האָלפען דער העכערונג פונם לעבענס־ניווא פון די אַראַבער.

אין פונקט 32 פון קאַפּיטעל 5 שטעלט פעסט די קאָמיסיע פאָלגענדע אויספיהרען:

א) דער ברייטער אימפּאָרט פון אידישען קאַפּיטאַל אין לאַנד האָט געבראַכט צו אַ אַלגעמיינער בעפרוכפּערונג פון עקאָנאָמישען לעבען אין גאַנצען לאַנד.

ב) די אויסברייטערונג פון דער אַראַבישער אינדוסטריע און פון דער אַראַבישער אָראַנזשען־ווירטשאַפט האָט געשעפּט איהר קאַפּיטאַל אין אַ גרויסער מאָס פון דעם דאָזיגען אימפּאָרטירטען קאַפּיטאַל.

ג) דער אידישער מוסטער האָט אַ סך אויפגעטהון פאַר דער בעסערונג פון דער אַראַבישער לאַנדווירטשאַפט, בעזונדערס אויפן אָראַנזשען־געביט.

ד) אַדאַנק דער אידישער איניציאַטיוו און שאַפונג האָבען אַראַבער בעקומען אַ סך אַרבייט אין די שטאָדטישע געביטען, בעזונדערס — אין די פּאָרטען.

ה) די באָדען־בעסערונגען און די זומפּען־אויסטריקענונגען, וועלכע זיינען אַדורכגעפיהרט געוואָרען דורך די אידישע קאָלאָניעס, האָבען געבראַכט ברכה אַלע אַראַבער פון די סביבות.

ו) אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען דורך אידישע פאָנדען, הויפּטזעכליך, כדי צו בעדינען די נאַציאָנאַלע היים, האָבען אויך בעדינט די אַראַבישע בעפעלקערונג.

ז) די אַלגעמיינע ברכה, וואָס די אידישע עליה האָט געבראַכט די אַראַבער קען מען זעהן פונם פאַקט, וואָס דער וואוקס פונם אַראַבישען ישוב איז בעזונדערס גרויס אין די יענע שטאָדטישע געביעטען, וועלכע זיינען בעאיינפלוסט געוואָרען פון דער אידישער ענטוויקלונג.

אויך די צוגאָב־טענה, וועלכע באַזירט זיך אויף דעם אידישען

בייטראַג צום מלוכה־אוצר, שטעהט, לויט אונזער מיינונג, אויסער יעדען ויכוח".

פונדעסטוועגען האָט די קעניגליכע קאָמיסיע פאָרגעשלאָגען בע־גרעניצונגען פאַר אידישער עליה און קאָלאָניזאַציע — אין פאַל ווען עס וועט נישט אָנגענומען ווערען איהר פּלאַן וועגען דער חלוקה פון לאַנד און דעש אַפּונג פון צוויי זעלבסטשטענדיגע מדינות — צוליעב פּאָליטישע טעמים.

אויפן עליה־געביט פערשווייגט נישט דאָס ווייס־בוך, אַז נישט עקאָנאָמישע מאָטיווען נאָר פּאָליטישע אויסרעכענונגען האָבען געבראַכט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט צום אויספיהר וועגען בעגרעניצען און דערנאָך אָבשטעלען די אידישע עליה. און מען דאַרף נאָכזאָגען אַ שבח די מחברים פונם בוך, וואָס וועניגסטענס אויף דעם געביעט האָבען זיי זיך נישט בעהאַלטען הינטער פאַלשע עקאָנאָמישע אויסריידען, נאָר זיי האָבען געוויזען אַ אָפענע קאָרט: מען דאַרף זיך אונטערגעבען דעם אַראַבישען טעראָר און אָבשטעלען די אידישע עליה. עס איז אָבער אונמעגליך זיך נישט צו וואונדערען, פאַרוואָס האָט דער מוט פון די ווייס־בוך־מאַכער נישט אָנגעהאַלטען אויך ביים קאַפּיטעל וועגען באָדען. דער פאָרשלאַג וועגען אַ טעריטאָריעלען געטאָ פאַר די אידישע בירגער אין ארץ־ישראל און „די פערבאָטען און רעגולירונגען ביים איבערפיהרען באָדען אין אי־דישע הענד זיינען מאָטיווירט כלומרשט מיט דער זאָרג פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט פאַרן וואוקס פון דער אַראַבישער בעפעלקערונג, און מיטן ווילען איינצוהיטען ביי די אַראַבישע ערד־אַרבייטער זייער ניווא. איז דען דער לעבענס־ניוואָ פון די אַראַבישע ערד־אַרבייטער אין מערב־דיגען ארץ־ישראל נידעריגער פונם לעבענס־ניוואָ אין עבר הירדן, וואו עס איז שוין זינט יאָהרען גילטיג אַ פערבאָט פון באָדען־פערקויף? איז דען דער לעבענס־ניוואָ פון די ארץ־ישראלדיגע אַראַבער נידעריגער פונם לעבענס־ניוואָ אין תימן, איראַק אָדער מצרים, וואָס די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָט זיי מיטבעטייליגט אינם בעשטימען דעם גורל פון ארץ־ישראל? זיינען דען אין די לענדער פון אַראַבישען נאָהנטען מזרח נישט פערהאַן קיין ריעזיגע שטחים, וועלכע וואָלטען געקלעקט אין גרויס

שפע פאַר אַלע היינט־לעבענדע אַראַבישע פעלקער און פאַר זייערע קינדער און קינדסקינדער? קען דען דאָס אומאָבהענגיגע איראַק נישט אויפנעהמען דאָפּעלט און פיר מאָל אַזוי פיעל ווי די צאָהל פון די ארץ־ישראלדיגע אַראַבער?

קאָן דען די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט אָבפרעגען די גראַדע און מענטשלעכע ווערטער פון דער מאַנדאַטען־קאָמיסיע: „מען דאַרף געדענקען, אַז די קאָלעקטיווע נויט פון די אַראַבער און די אידען איז אונפּערגלייכבאַר, ווייל פאַר די ערשטע שטעהען אָפען אויפן נאָהענטען מזרח ריעזען־שטחים, וועלכע זיינען אַמאָל געווען דאָס אָרט פון אַ גרויסען ישוב און די היימאַט פון אַ גלענצענדער קולטור, בעת פאַר די אַנדערע ווערט די וועלט וואָס אַ מאָל ענגער און אָבגעשלאָסענער“?

אויב די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט נעהמט דעם גאַנצען נאָהנטען מזרח, פון איראַק ביז תימן, און לעגט איהם אַרויף אויף דער פּאָליטישער וואָגשאָל פון ארץ־ישראל, וואָלט זי על פי דין געדאַרפט די אַלע לענדער נעהמען אין אַכט אויך בשעת זי טראַכט וועגען גורל פון די נאָך נישט געבוירענע ארץ־ישראלדיגע אַראַבער. אין איראַק זיינען פּערהאַן, כידוע, קאָלאָסאַלע, כמעט־אונבעגרעניצטע, מעגליכקייטען פאַר ווייטערדיגער קאָ־לאָניזאַציע, און ס'איז גאָר קיין ספק נישט, אַז איראַק דאַרף זיין שטאַרק פּעראינטערעסירט אין אַ פערגרעסערונג פון איהר אַראַבישען ישוב, כדי עס זאָל מיט איהר נישט טרעפען דאָס וואָס עס האָט געטראָפען מיטן אלעקסאַנדרעטאַ־קרייז אין סיריע.

אָבער די דאגות און מעגליכקייטען בעשעפטיגען גאָרנישט, ווייזט אויס, איראַקס בריטישע פערבינדעטע. די שכנותדיגע אַראַבישע לענדער עקזיסטירען נאָר דאַן, ווען מען נויטיגט זיך אין צוגעבען אַ פּאָליטישע וואָג דעם דרוק פון די טעראָריסטישע כנופיות. די אָנפיהרונג פון דעם אַראַבישען טעראָר און די מחברים פונם ווייס־בוך געניסען פונם גוטס פוןביידע וועלטען: לגבי אַ דרוק געגען די אידען — עקזיסטירט אַ פּער־אייניגטע אַראַבישע וועלט, לגבי בערעכענען קאָלאָניזאַציע־מעגליכ־קייטען — איז ארץ־ישראל הערמעטיש אָבגעשלאָסען און איינזאַם אַליין.

כ

דאָס אידישע פאָלק בעטראַכט ארץ־ישראל אַלס בעזונדערע איינהייט און עס איז נישט מודה — און אויך די מענשליכע געשיכטע איז נישט מודה — אַז דאָס אויסדערוועהלטע לאַנד איז בלויז אַ נאָכשלעפּעניש פון די אַראַבישע לענדער. די אידישע פאָדערונג באַזירט זיך אויף די פרייע מעגליכקייטען אין די תחומים פון ארץ־ישראל — אין די תחומים פון היסטאָרישען ארץ־ישראל, וועלכע עס האָט אין זינען געהאַט די באַלפור־דעקלאַראַציע לויט דער בפירושער פעסטשטעלונג פון דער קעניגליכער קאָמיסיע (זעה — בעריכט פון דער קעניגליכער קאָמיסיע, קאַפּיטעל 2, פונקט 42, אָבזאַץ 3, זייט 38). אָבער אַפילו אין די תחומים פון מערבדיגען ארץ־ישראל, וואָס געפינט זיך אונטערן בריטישען מאַנדאַט, זיינען פערהאַן פרייע מעגליכקייטען, וועלכע זיינען מסוגל אויפצוהאַלטען אַ פיעל־פאַך גרעסערע ווי די איצטיגע לאַנדווירטשאַפטליכע בעפעלקערונג. און ס'איז נישט נויטיג זיך צו פערלאָזען אויף פעסטשטעלונגען פון אידישע ספּעציאַליסטען — כאָטש לעת עתה האָבען בלויז די אידען זיך ספּעציאַליזירט אין דער אויספאָרשונג פון דער אויפנעהם־פעהיגקייט פון לאַנד און בלויז זיי האָבען בעוויזען, וואָס זיי קענען, ביים פּרוכטבאַר מאַכען די ארץ־ישראדיגע וויסטעניש. אָבער די אידען זיינען דאָך אַ פעראינטעטע־רעסירטער צד — און די פּריווילעגיע צו זיין אַ פעראינטערעסירטער צד און גלייכצייטיג אויך אַ עדות און אַ שופט און אַנ'אויספיהרער געהערט בלויז דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט און דער בריטישער אַדמיניסטראַציע אין לאַנד. די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט קאָן דאָך אָבער נישט מאַכען זיך נישט־וויסענדיג וועגן דעם עדות־זאָגען פון דער ארץ־ישראלדיגער אַראַבישער דעלעגאַציע אין לאָנדאָן מכוח דעם באַדען־צושטאַנד אין לאַנד. די דאָזיגע דעלעגאַציע איז נישט געקומען קיין לאָנדאָן צו מאַכען „ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע" אָדער צו מאַהנען די קריוודע פון די מאַנדאַט־פונקטען, וועלכע זיינען מחייב אַ קאָמפּאַקטע אידישע באַדען־קאָלאָניזאַציע. אַט די דעלעגאַציע איז אויפגעטרעטען פאַר דער רעגירונג מיט אַ טענה, — און איהר טענה איז דורך איהר פערעפענטליכט געוואָרען אין „טיימס" פון 11.2.39, — אַז דער בעאַרבייטונגס־פעהיגער לאַנדווירט־

שאַפּטליכער שטח אין ארץ־ישראל איז בלויז 1.750.000 אַקר — אָדער 7.000.000 דונאַם. דער שטח פון מערבדיגען ארץ־ישראל איז, כידוע 26.000.000 דונאַם. קומט אויס, הייסט עס, לויט די רייד פון דער אַראַבישער דעלעגאַציע, אַז 19.000.000 דונאַם זיינען נישט בעזעצט און נישט בעאַרבייט דורך די אַראַבער — און זיי קענען גאָר נישט בעזעצט און בעאַרבייט ווערען דורך אַראַבער. די אַראַבער זיינען דאָך אוודאי בעגלויבט צו זאָגען עדות וועגען זיך זעלבסט, און אויב זיי זאָגען, אַז זיי קענען גאָרנישט אויפטהון מיטן באָדען פון דריי פערטעל ארץ־ישראל, — קען מען דאָס נישט בעשטרייטען. אָבער די אידען האָבען דערוויזען — און די רעגירונג ווייסט עס — אַז ערד, וועלכע איז בעאַרבייטונגס־אונפעהיג ביי די אַראַבער, ווערט פרוכטבאַר און בליהענד ביי אידען.

וואָס־זשע פאַר אַ יסוד איז דאָ צו פערבאָטען אידען באָדען־קויף, בעת עס זיינען פערהאַן אין לאַנד — אין יעדען געביט, אין יעדער געגענד, אין יעדען קרייז, אויף די בערג און אין די טאָהלען,ביים ים־ברעג און אין פלאַכלאַנד, אין ירדן־טאָהל און אין סטעפּ, אין נגב און אין פלשת, אין די בערג פון גליל און אין די ירושלימער בערג — מיליאָנען פּוסטע־און וויסטע דונאַמס, וואָס די אַראַבער זיינען מודה, אַז זיי קומען גאָרנישט אין בעטראַכט פאַר די אַראַבישע ערד־אַרבייטער?

וואָס וועט צוגעבען דעם לעבענס־ניווא פון די אַראַבישע ערד־אַרבייטער אויב דאָס לאַנד וועט פערבלייבען וויסט און ערד, וועלכע טויג נישט פאַר דער אַראַבישער לאַנדווירטשאַפט — וועט פערבאָטען ווערען אויך דעם אידישען קאָלאָניסט?

די דאָזיגע פראַגען זיינען דורך די אידישע פערטרעטער אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ געשטעלט געוואָרען דער רעגיערונג, און זיי זיינען געבליבען אָהן אַ תשובה. אויך דאָס ווייס־בוך קען אויף זיי נישט ענטפערען.

נישט די עקאָנאָמישע זאָרג פאַר די אַראַבער נאָר די פּאָליטישע געגנערשאַפט צו די אידען איז דער יסוד פון דער נייער פּאָליטיק, סיי אויפן געביט פון עליה און סיי אויפן באָדען־געביט.

דאָס ווייס־בוך פעררופט זיך כלומרשט אויף די בעריכטען פון עטליכע

ספּעציאַליסטען־קאָמיסיעס. מיר ווייסען ווענען פּאָליטישע קאָמיסיעס, וועלכע האָבען בעזוכט ארץ־ישראל — די פיל קאָמיסיע, די חלוקה־קאָמיסיע, אָבער אונז איז נישט בעקאַנט אַפילו וועגען איין קאָמיסיע פון ספּעציאַליסטען בנוגע דער ארץ־ישראל־קאָלאָניזאַציע, וועלכע איז געשיקט געוואָרען קיין ארץ־ישראל דורך דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט. די אידישע דעלעגאַציע אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ האָט פערלאַנגט פון דער רעגיערונג, זי זאָל צושטעלען דער אַגענץ דעם וויסענשאַפטליכען, סטאַטיסטישען און זאַכליכען מאַטעריאַל, אויף וועלכען עס באַזירט זיך דער בעריכט פון די „ספּעציאַליסטען־קאָמיסיעס“. אויב די רעגירונגס־אויספיהרען באַזירען זיך בלויז אויף אָביעקטיווען מאַטעריאַל פון ספּעציאַליסטען, דאַרף זי קיין מורא נישט האָבען צו בעווייזען דעם מאַטעריאַל נאָך אַ ספּעציאַליסטען־קאָלעגיום, וועלכער זאָל נאָכקאָנטראָלירען און אונטערזוכען די פעסטשטעלונגען. אַפילו די ענגלישע רעגירונג אָדער די ארץ־ישראלדיגע אַדמיניסטראַציע קען דאָך נישט אָבלייקענען, אַז די אידען אין ארץ־ישראל האָבען אַ ביסעל בעוויזען וואָס זיי קענען אויפן געביט פון פאָרשען דאָס לאַנד, פון אויסגעפינען חיונה־קוואַלען און פון אונטערזוכען די קאָלאָניזאַציע־מעגליכקייטען — נישט בלויז טעאָרעטיש נאָר אויך פּראַקטיש, יעדענפאַלס נישט אין קיין קלענערער מאָס, ווי דאָס קאָן טון די בריטישע אַדמיניסטראַציע אין לאַנד. אַפילו די מחברים פונם ווייס־בוך זיינען דאָך געצוואונגען מודה צו זיין, אַז „דער וואוקס פון דער נאַציאָנאַלער היים און איהרע דערגרייכונגען אויף אַ סך געביטען שטעלען מיט זיך פאָר אַ פרעכטיגען קאָנסטרוקטיווען אויפטהו, וועלכער מעג אַרויסרופען בעוואונדערונג אין דער וועלט“. די אידען האָבען אַרויסגעוויזען זייער כוח — אינם אויסגעפינען וואַסער־קוועלען אין געביטען, וועלכע זיינען געווען פערערכענט אַלס מדבר־טריקענישן; און בעפרוכטבאַרונג פון בערג, וועלכע מען האָט געהאַלטען פאָר אויף־אייביג־וויסטע און אומטויגבאַרע; אינם בעבויען זאַמדען, וועלכע מען האָט געהאַלטען פאָר האָפנונגסלאָזע, און אינם אויסטריקענען זומפען, וועלכע זיינען זיינען געווען פערערכענט אַלס קדחת־שפּרייטענדע. די אידישע מומחים, וועלכע אַרבייטען שוין יאָהר־צעהנדליגער ביי דער קאָלאָניזירונגס־

טעטיגקייט אין לאַנד, וואָלטען אפשר געקענט אויפקלערען און בעלייכטען ווי געהעריג די מאַנגעלהאַפטע פעסטשטעלונגען און צופאַלען, וואָס עס האָבען צונויפגעקליבען מיטגלידער פון קאָמיסיעס, וועלכע האָבען פער־בראַכט אין לאַנד עטליכע וואָכען אָדער חדשים. פאַרוואָס־זשע האָט די רעגירונג נישט געוואָלט צושטעלען דעם מאַטעריאַל און די דאָקור־מענטען, — אויף וועלכע עס האָבען זיך באַזירט איהרע „ספּעציאַליסטען־קאָמיסיעס״, — כדי אידישע מומחים זאָלען זיי קענען אונטערזוכען און אַרויסזאָגען זייער מיינונג?

אויך די פראַגען זיינען געשטעלט געוואָרען דער רעגירונג אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ — און קיין תשובה איז נישט געגעבען גע־וואָרען. אומזיסט בעריהמט זיך דאָס ווייס־בוך אין זיין אַריינפיהר, אַז אין לאָנדאָן איז פאָרגעקומען „אַ פולער, פרייער און אָפענהערציגער ויכוח״.

אין ווייס־בוך ווי אויך אין לאָנדאָן איז די פּאָליטישע שטעלונג פון דער רעגירונג געווען וויכטיגער פאַר די זאַכליכע בעהאַנדלונגען און מאָטיוועז.

כא

די צוויי קאַפּיטלען וועגען עליה און באָדען זיינען אַ טויט־אורטייל אויפן וואוקס פון דער נאַציאָנאַלער היים. אייגענטליך איז דאָס דער גאַנצער קלאָרער און פעסטער אינהאַלט פונם ווייס־בוך. אויב דאָס איז עס דער גזר־דין, וועלכען עס האָבען פערלאַנגט די אַראַבישע טעראָריסטען און זייערע אונטערשטיצער, האָבען זיי בעקומען כמעט אַלעס, וואָס זיי האָבען געוואָלט. אָבער מעהר ווי דאָס האָבען זיי נישט בעקומען. אויב די אַראַבישע טעראָריסטען האָבען געהאָפט אויף אַראַבישער אומאָבהענ־גיגקייט אין ארץ־ישראל — האָט דאָס ווייס־בוך ענטטוישט זייער האָפנונג. דאָס קאַפּיטעל וועגען דער קאָנסטיטוציע איז, אמת, פול אָנגעפּיקעוועט מיט צוזאָגען און ערקלערונגען מכוח זעלבסט־פערוואַלטונג און אומאָב־הענגיגקייט — אָבער דאָס זיינען נישט מעהר ווי פוסטע ווערטער אָהן קיין שום קלאָרען און פערפליכטענדען אינהאַלט. דעם

מופטי׳ס תפילה האָט בלויז אַ העלפט געפּועלט: די מאַנדאַט־רעגירונג האָט זיך אונטערגעגעבען און צוגערויבט ביי די אידען וואָס עס קומט זיי לויטן מאַנדאַט און לויט דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אָבער זי האָט קאַטעגאָריש אויסגעמיטען זיך צו פּערפליכטען קלאָר אויף אומאָבהענגיגקייט; זי איז אַפילו געווען פּאָרזיכטיג זיך נישט מתחייב צו זיין צו בעטייליגען די אַראַבער אין דער מאַכט, זי האָט בלויז צוגעזאָגט פּאָסטענס איינצעלנע אַראַבער, וועלכע וועלען געפינען „חן און לייטזעליגקייט" אין איהרע אויגען, אָבער אָט די בעלי־פּאָסטענס וועלען נישט געוועהלט ווערען דורכן אַראַבישען פאָלק און זיי וועלען איהם נישט אונטערליגען. די רעגירונגס־אָרדנונג אין לאַנד וועט זיין אַ ענגלישע, וועלכע פערטיילט פּאָסטענס, נישט זעלבסטפערוואַלטונג און נישט ממשותדיגע פערוואַלטונג בכלל, נאָר טיטולען, געהאַלט און כיבודים פאַר אַראַבישע טעלער־לעקער, וועלכע וועלען הייסען „דעפּאַר־טאַמענט־לייטערס, — און די פּאַקטישע אַרבייט אין דעפּאַרטאַמענט וועט אָבגעטון ווערען דורכן בריטישען „ראַטגעבער" לויט די אינסטרוקציעס פון נציב העליון. וואָס עס וועט געשעהן אין פינף און אין בעהן און אין פופצעהן יאָהר אַרום — וועגען דעם וועט בעשליסען די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט לויט איהר איינזעהן, רעכענענדיג זיך מיט די אומשטענדען אין יענעם מאָמענט.

די איינציגע ממשותדיגע סאַטיספאַקציע, וואָס די אַראַבישע טעראָ־ריסטען האָבען בעקומען פונם ווייס־בוך, איז די דערשטיקונג פון דער נאַציאָנאַלער היים אין איהר סאַמע אויפבוי־אָנהויב, — די פערניכטונג פון דער אידישער האָפנונג.

ווען די מחברים פונם ווייס־בוך וואָלטען טאַקי געווען פּעראינטע־רעסירט אין פּאָליטישער קלאָרקייט און אין פּשוטען אמת־זאָגען, וואָלטען זיי געקענט אַלע זייערע „מיינונגען און פּאָרשלאָגען" איבערגעבען בקיצור אין צוויי דריי זאַצען: נאָך דעם ווי עס וועלען, אין פערלויף פון צעהן יאָהר, אַריינקומען אין לאַנד נאָך עטליכע צעהנדליג טויזענד אידען — וועט אָבגעשטעלט ווערען די אידישע עליה, און פאַר די אידען אין ארץ־ישראל וועט בעשטימט ווערען אַ תחום־המושב לויטן איינזעהן פון נציב העליון, און — די באַלפור־דעקלאַראַציע ווערט בטל ומבוטל.

מעהר איז אייגענטליך נישט געזאָגט געוואָרען אין דעם לאַנגען דאָקומענט, וועלכער פערנעהמט דרייצעהן געדיכטע זייטען אין ענגליש און עלף אין העברעאיש. אָבער די ווייס־בוך־לייט האָבען נישט געקאָנט זאָגען נאָר דאָס און בלויז דאָס. אַ ענגלישע רעגירונג איז נישט קיין דייטשע. בעטמאַן־האָלוועג האָט בשעתו ערקלערט פשוט, אַז אָבמאַכען און קאָנטראַקטען זיינען נישט מעהר ווי שטיקלעך פאַפּיר. אַ ענגלישע רעגירונג וועט קיין מאָל נישט זאָגען אַזוינס. זי וואָלט עס נישט געקאָנט זאָגען, ווייל דאָס ענגלישע פאָלק וועט אַזאַ זאָגעניש נישט אָננעהמען, און די בריטישע אימפּעריע וועט קיין קיום נישט האָבען אויב איהרע רעגירער וועלען אַרויסווייזען אַזאַ ברוטאַלען ציניזם. די מחברים פונם ווייס־בוך קענען די פּסיכיק פון זייער פאָלק. זיי האָבען דעריבער געמוזט איינהילען די מאַנדאַט־צעשטערונג און דעם פערראַט לגבי די רעכט פון אידישען פאָלק אין אַ טאָגע פון „געטרייע פירושים“ און תמעוואַטער צדקות.

אָט די אויפגאַבע ערפילט אויך דער לעצטער פונקט אין ווייס־בוך:

„ביים פאָרמולירען די דאָזיגע פאָרשלאַגען האָט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט זיך בעמיהט מיטן גאַנצען האַרצען צו האַנדלען שטרענג לויט איהרע פערפליכטונגען סיי לגבי די אידען און סיי לגבי די אַראַבער — — איהר ציעל איז: צו האַנדלען גערעכט לגבי ביידע פעלקער אין לאַנד“...

אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט ענגלאַנד פראָקלאַמירט איהרע סימפּאַטיעס צו די ציוניסטישע אידישע שטרעבונגען — דאָס ווייס־בוך פראָקלאַמירט אַ מלחמה געגען זיי.

דער מאַנדאַט איז איבערגעגעבען געוואָרען ענגלאַנד מיטן צוועק, זי זאָל מיטהעלפען שאַפען די נאַציאָנאַלע היים פאַרן אידישען פאָלק — דאָס ווייס־בוך לעגט־פאָר די שאַפונג איבערצורייסען.

דער מאַנדאַט האָט אָנערקענט די היסטאָרישע פערבינדונג פונם אידישען פאָלק אין דער גאַנצער וועלט מיט ארץ־ישראל — דאָס ווייס־בוך רייסט זי איבער.

דער דאָזיגער פעררעט איז נאָך נישט בעשטעטיגט דורכן ענגלישען פאָלק און דורכן פעלקער־בונד. מיר לעבען אין אַ תקופה, ווען דער פרייז פון מאָראַלישע ווערטען איז געפאַלען אויף דער פאָליטישער בערזע, אָבער עס איז פאַלש צו מיינען, אַז עס שוין אינגאַנצען פּאַראַליזירט געוואָרען דאָס מענשליכע געוויסען בכלל און דאָס ענגלישע בפרט.

די עצם־בעמיהונג פונם ווייס־בוך אויסצוזעהן פיין בעווייזט, אַז עס איז נויטיג זיך צו בענוצען מיט מאָראַלישע און יורידישע מאָטיווען כדי אויפצוקלערען און „בערעכטיגען" דעם פעררעט פאַר דער ענגלישער און אַלוועלטליכער עפענטליכער מיינונג. אָבער דאָס געוויסען ערוועקט זיך איצט נישט אַזוי לייכט. — איצט איז עס אָבהענגיג פון אידישען פאָלק, מיטן ארץ־ישראלדיגען ישוב בראש, צי וועט עס זיין בכוח צו שטעלען דעם פעררעט אַ געהעריגען ווידערשטאַנד, נישט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים, וועלכע זאָלען ענטשפּרעכען זיינע שטרעבונגען און זיין שאַפונג, זיין נויט און זיין עהרע.